בלומינגראוו
# שטימע
BLOOMING GROVE VOICE
די פּאַראייניגטע 'שטימע' פון תושבי 'בלומינגראָוו' והגלילות
יו"ט פסח תש"פ
Vol. 13-A
United Jewish Community of Blooming Grove
Est. 2019

זמנים
ליום טוב פסח
21 זייט

## טעגליכע "טעלעפאָן קאָנפערענצן" מיט "קאָוויד 19 טעסק-פאָרס" פון ארענדזש קאונטי טאונס, ווילעדזשס און עמערדזשענסי דעפּאַרטמענטס קניפּט אָן אויסנאַמליכע באַציאונגען מיט לאָקאַלע אינסטאנצן

שטאַטישע באאמטע איבערראשט פון געניטע הילף און סוקסעספולע קאָארדענאציע דורך געטרייע יו. דזשעי. סי. פּאָרשטייער אין צייט פון קריזיס

5

## אפקלינגענדע קידוש ה' הילכט אפ אויף אויסטערלישן פארנעם ביי ברייטע "פוד בענק" עסן פארטיילונגען דורך "יו.זשעי.סי." פאר די אלגעמיינע שכנים

9

## שטארקע הילף ערמעגליכט דורך די "יו.זשעי.סי." אז די מאַלצייט פעקלעך פון די מוסדות אין קרית יואל זאלן פארטיילט ווערן מיט א געניטן סדר "לאָקאַל" דאָ אין געגנט

10

מְלַמֵּד שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מְצֻיָּנִים שָׁם

## זמן חירותינו אין שאטן פון אַנגסט, האפענונג און גמילות חסדים

2

כל דכפין ייתי ויאכל, כל דצריך ייתי ויפסח:

## וואונדערליכע "איש את רעהו יעזורו" מעגאַ פסח פּראָגראַם דורכגעפירט מיט אויסטערלישע ערפאלג

11

## צייטליכע אנווייזונגען און וויכטיגע "סעיפטי" מעסעזשעס

אין די יעצטיגע ערב יו"ט טעג

איבערגעגעבן פאר דער "בלומינגראוו שטימע" דורך

הרה"ח מו"ה **יצחק בערנאטה** הי"ו

ליעזאן פון די יו.זשעי.סי. צו די סאוט בלומינגראוו פייער דעפארטמענט

18

### מְלַמֵּד שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל מְצֻיָּנִים שָׁם

# זמן חירותינו אין שאָטן פון אַנגסט, האָפענונג און גמילות חסדים

אט שטייען מיר ביים שוועל פון דעם הייליגן און לעכטיגן יום טוב פסח שנת תש״פ לפ״ק הבא לקראתינו לשלום, ווען אידן גרייטן זיך בדחילו ורחימו צו אפרעכטן דעם געהויבענעם יום טוב מיט אלע אירע באליבטע מצוות, חומרות און מנהגים, ווי אלע יארן.

אבער גענצליך אנדערש ווי אלע יארן, ווען געווענליך שפרידלט די יעצטיגע טעג מיט א ליסטיגע און אויפגעלייגטע אטמאספערע, בשעת אידישע שטובער ווערן אויסגערייניגט פונעם חמץ מיט אזויפיל געפיל און נעימות, וועלן לײדער די היי - יאריגע ערבי פסחים געדענקט ווערן גענצליך אנדערש, אלס א טרויעריגע קאפיטל אין די לאנגע גלות געשיכטע פון כלל ישראל.

מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות, די מאיום׳דיגע ערב פסח טעג, וואס אידישע קינדער זענען אנומלט אריבער, האט אונז אלעמען צעטרייסלט און באאומרואיגט, ווען אידישע הערצער אומעטום זענען צעריסן פון די שמועות מבהילות, כל ראש לחלי וכל לבב דוי, ועינינו מצפים לישועה קרובה.

מען זיצט טאקע איינגעשפארט אין די שטובער, וויסנדיג אז דאס איז אצינד דער רצון השי״ת, אבער אונזערע הערצער, די הערצער פון גאנץ כלל ישראל בכל מקומות מושובתיהם, זענען פאראייניגט מיט ווייטאג און האפענונג ווען מען קוקט ארויס מיט צאפלענדע אויגן אז השי״ת, דער קל רופא נאמן, זאל זיך שוין דערבארעמען על עמו ונחלתו, אידישע קינדער זאלן זיין געזונט און שטארק, און עס זאל שוין נעמען אַן עק צו אידישע ליידן. טאטע אין הימל וויפיל איז דער גבול, ווי קען זיין אז דאס גלעזל איז נאכנישט פול, שתשים דמעותינו בנאדך להיות ותוליכינו קוממיות.

★ ★ ★

אבער טאקע אין אט די סאמע ברען פון די גרויסע פינסטערניש, אינאיינעם מיט די ווייטאגליכע און שרעקליכע געשעענישן, האבן מיר אלע, בלומינגראווער איינוואוינער, צוגעזען פון דער נאנט און מיטגעהאלטן וויאזוי די הערליכע מדה פון ״אהבת ישראל״, ״גמילות חסדים״ און ״אחדות״ איז געקומען צום אויבערפלאך דייקא אין די אנגעשטרענגטע צייט, און וויאזוי דער זיסער געפיל פון גוט - ברידערשאפט און זיך העלפן איין איד דעם אנדערן, האט אונז אריינגעשיינט ווי א ליכט אין די טונקעלע תקופה, מיט אן אמת׳ע האפענונג, טרייסט און התחזקות, איבער דאס נצחיות און שיינקייט פון כלל ישראל, אומעטום און אלעמאל.

עס איז פיל מער וויפיל די פאפיר קען ארויסברענגען, וואס ״בלומינגראוו״ שפירט, אצינד מער ווי אלעמאל - ווייל ווען מען גייט אריבער א שווערע עפאכע, באגרייפט מען נאך בעסער וויפיל צו אנערקענען און שעצן דעם הערליכן פאקטאר פון ״כלנו בני איש אחד אנחנו״, זייענדיג א שטאט וואס פארמאגט אזויפיל חסד און אזויפיל וואוילטעטיגע הארציגע אידן.

אויב איז ״בלומינגראוו״ באקאנט און אויסגערופן אומעטום, מיט אירע געטרייע שתדלני הציבור, מיר איר שטוינענדע אחדות וואס האט נישט איר׳ס גלייכן איבער דער גארער וועלט, מיר איר אייגנארטיגע חן און ליבשאפט וואס הערשט צווישן אלע תושבי העיר, האבן מיר אצינד געהאט די געלעגנהייט, ליידער צוליב א נישט געוואונטשענעם גורם, זיך נאכאמאל צו איבערצייגן דעם ״מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד״. ווי גוט און ווי זיס איז זיך צו געפינען איז ווען אידעלעך צוזאמען שטארקן זיך אינאיינעם, מען העלפט זיך און מען פארגרינגערט זיך, איבערהויפט אין די פינאנציעל שווערע ערב פסח טעג.

★ ★ ★

די מוסדות התורה זענען ליידער הערמעטיש פארשלאסן געווארן צוליב דעם כורח השעה, אבער בלומינגראווער עלטערן האבן במשך די לאנגע ערב פסח וואכן נישט געהאט די דאגה וויאזוי צו שפייזן זייער קינדערלעך מיט פרישטאג און לאנטש, אדאנק די געטרייע ארבעט פון די טייערע עסקנים, וועלכע האבן געליפערט די ״מוסדות מאלצייט זעקלעך״ נאנט צו אונזערע שטובער, מיט אַן ארדענונג, פלינק, אחריות׳דיג און צייטליך, מדי יום ביומו, וואס האט געגעבן דעם איינדרוק אז דאס איז א גוט- באצאלטע ארבעט...

**שטיל, באשיין, אן קיין איבעריגע פרסומים און אָן ערווארטן קיין יישר כח, האבן די טייערע עסקנים אהערגעשטעלט א פראקטישן און צוגענגליכן מהלך, אז יעדעס קינד וועלכער לערנט אין די מוסדות הק׳ אין קרית יואל, זאל קענען ערהאלטן זיין פארדינטן מאלצייט זעקל, להשביע נפש רעבים, אויפ׳ן גרינגסטן און שנעלסטן מהלך וואס איז נאר שייך.**

**יעדן איינציגסטן טאג, האבן די אידן געמאכט דעם וועג קיין קרית יואל און צוריק, מסדר געווען ״דריי״ באזונדערע לאקאציעס לענגאויס בלומינגראוו, און די ״חלוקות״ זענען איינגעפעדעמט געווארן מיט׳ן איינציגן ציל, עס צו מאכן דאס באקוועמסטע און שנעלסטע פאר יעדע משפחה צו קענען אפנעמען דאס עסן גרינגערהייט אז כאטש די דאגה זאל נישט ליגן אויפ׳ן קאפ פון די פארמאטערטע עלטערן אין די פארנומענענע טעג.**

★ ★ ★

ודרשו את שלום העיר אשר הגלתי אתכם שמה״, איז אין אלע גלות יארן געווען א פונדאמענטאלע שטריך וואס האט אונז באגלייט און געשיצט מכל העומדים עלינו לכלותינו. איבערהויפט שטייענדיג אין אזא סטואציע, ווען די עקאנאמיע הונקעט אונטער, מענטשן פארלירן דזשאב׳ס, און עס שפירט זיך אומעטום א פינאנציעלע זארג, איז עס געווויס א צייט ווען ס׳איז וויכטיג, קריטיש וויכטיג, צו ארויסקומען צו אונזערע שכינים, מיט א מעסעדזש פון הארמאניע, מיט א צייכן פון סימפאטיע און מיט א פאזיטיווע אקט פון גוט געפיל, לאמור, אזוי צו זאגן: מיר זענען גוטע שכינים וואס ווילן בלויז אייער גוטס און וואוילזיין.

אט דאס איז טאקע ב״ה פארווירקליכט געווארן אויף אזא נאבעלן פארנעם, מיט דעם דראסטישן אקט פון קידוש ה׳, דורכגעפירט דורך די געטרייע שתדלנים אינערהאלב דעם ״ פאראייניגטע אידישע

בס"ד

# השתדלו והרבה תחנה ובקשה

קרעו שחקים לרפואתו השלימה והמהירה של כבוד הגאון הצדיק

# מרן רבי יצחק מרדכי בן הענדל רייזל שליט"א

פאר רבני עירינו

## אבד"ק מאורות נתן ראדאוויץ

## הזקוק לרחמים שמים מרובים לרפו"ש בתושח"י

קאנסיל", אדער ווי בעסער באקאנט אלס יו. דזשעי. סי.", וועלכע האבן געכאפט דעם געלעגנהייט צו מקדש זיין דעם שם שמים, שיהא שם שמים מתאהב על ידך, און דורכגעפירט דעם ברייטן "עסן פארטיילונג" פאר אונזערע טיר - ביי - טיר שכינים, בלומינגראווער איינוואוינער.

**שווער צו באגרייפן און אפשאצן, וואס פארא אומגעהויערע אפקלאנג, מיד ולדורות, האט געמאכט די סצענע, דעם פארלאפענעם פרייטאג ערש"ק ויקרא, ווען דער גרויסער ווייסער טראק, אין באגלייטונג פון די לאקאלע פאליציי, איז ארומגעפארן מיט הויכהילכער וועלכע האבן אויסגערופן מיט אזויפיל קלאס און ווירדע: "טייערע שכנים, איינוואוינער פון בלומיגראוו, קומט ארויס און נעמט אפ א פעקל עסן און טרינקן, וואס איז צוגעשטעלט דורך די פאראייניגטע אידישע קאנסול פון בלומיגראוו".**

די אימפאקט און השפעה פון דעם נאבעלן שריט איז אייגנטליך באלד געווען קענטיג אויף די רעאקציע פון אונזערע שכינים, דא אין בלומינגראוו און אין די ארומיגע געגנטער, וועלכע האבן אלע ארויסגעהויבן דעם פאקט אז די אידן קומען ארויס העלפן די שכינים אין אזא שווערע צייט. אזש אז אפילו דער ביגערמייסטער פון שטאט, וואס איז געווענליך נישט איבעריג פריינטליך צו זיינע אידישע שטייער צאלער, האט אבער איצנד ווי א מלאך רע בכל כרחו יענה אמן, געשפירט אז ער מוז באדאנקן די אידישע געמיינדע פאר דעם הערלאישן אקט.

אידן אין בלומינגראוו זענען דאנקבאר אונזערע געטרייע שלוחים, פאר'ן ערלעדיגן און דורכפירן אזא געבענטשע, תורה'דיגע און מענטשליכע שריט, וואס די פירות און רעזולטאטן דערפון וועלן מיר נאך בעז"ה געניסן אויף לאנגע געזונטע יארן, ביז משיח'ס טאג במהרה.

★ ★ ★

אבער דער 'גלות הכותרת', דער הערליכער שפיץ פון די נאבעלע פעולות לטובה, וואס האט באמת אריינגעבלאזן א דערפרישענדע געפיל און א דערלייכטערונג'ס גייסט ביי תושבי העיר אין אזא שווערע צייט, איז אן קיין צווייפל די אומגלויבליכע "מעגא פסח פראגראם" וואס איז אהערגעשטעלט געווארן אויף א פארנעם, וואס האט נישט קיין אח ורע, און האט נישט געזען זיינס גלייכן אין קיין שום אנדערע אידישע געגנט בכל רחבי ניו יארק.

בלומינגראוו, די רעלאטיוו יונגע געגנט, וואס איז בלויז עטליכע יאר באזעצט דורך אידן, האט באוויזן צו דורכפירן עפעס וואס האט איבערראשט אלעמען. און טאקע אָן קיין פעסט באזירטע קהל'ישע אינסטוטוציעס, אָן קיין לאנגיעריגע עסקנים, און אָן קיין שום ערפארונג אין דעם געביט, אבער יא מיט אסאך אידיש הארץ, מיט אסאך אידישע געפיל, און מיט אסאך רצון צו העלפן און צו לינדערן דעם ערב פסח פאר אונזערע ברודער וועלכע וואוינען און לעבן דא אינאיינעם באהבה ובאחוה שלום וריעות.

**וואס עס האט זיך אפגעשפילט דעם פארלאפענעם ליל שישי בעפאר שבת הגדול, ביי דער גרויסער "עסן פארטיילונג" אינעם הויף פונעם זמיגראדער שול הויף, איז ווירקליך א בילד וואס וויל בשום אופן נישט ארויסגיין פון די אויגן.**

מיט דעם טוען מיר מעלדן אז אי"ה ווערט ווידערמאל צוגעשטעלט די

# פאטראל קארס

## אויף יו"ט פסח הבעל"ט

וואס וועלן בעז"ה ארומפארן אויף די גאסן פון שטאט

## פון 7:30 נאכמיטאג ביז חצות

בברכת חג כשר ושמח

United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove
COMMUNITY ASSISTANCE DIVISION

**מה יפו פעמייך בנעלים, ווי שיין איז געווען די ערב יום טוב סצענעס, ווי עס שטיין אויסגע'שורה'ט לאנגע ענדלאזע רייעס פון אויטאס, וועלכע ווערן אנגעלאדנט מכל טוב וטוב, עסן טרונקן, געשיר און אנדערע פסח געברויכן, אלעס צוגעשטעלט מייסטערהאפטיג און צוגענליך, פאר שטוינענד ביליגע פרייזן, אלעס "דורך" תושבי בלומינגראוו "פאר" תושבי בלומינגראוו.**

ווי בע'טעמ'ט און זיס איז געווען צו זעהן, וויאזוי פלייסיגע בחורים און אינגעלייט, לויפן ארום מיטן גרעסטען מאס פלייסיגקייט און לאדענען אָן די פילצאליגע קארס מיט פולע פעקלעך, פרוכט, גרינצייג, פלייש, וויין, אלע ערליי פאפיר און פלאסטיק געשיר, טישטעכער און פיל נאך, וואס די אידן האבן זיך איינגעהאנדלט פאר ריזיגע הנחות לכבוד יום טוב.

און ווי וואונדערליך איז געווען צוקוקנדיג די פלאטע פון געטרייע הארציגע עסקנים, אלע פון זיין פרייוויליגע וואלענטורן, וועלכע האבן נאך קיינמאל בעפאר נישט געהאט די געלעגנהייט צו דורכפירן אזא סארט חלוקה, אבער מיט דעם אלעם האבן זיי באוויזן אן אומגלויבליכע קאארדענאציע ביז'ן לעצטן דעטאל, ווען אלעס האט געקלאפט אויף א זייגער, מיט א סדר און ארדענונג עד להפליא.

**די ארמיי פון טייערע עסקנים, אלע פון זיי תושבי עירינו בלומינגראוו, האבן זיך פאקטיש אוועק געגעבן און געארבעט שווער פאר לאנגע שעות, שלא על מנת לקבל פרס, נאר ארויסצוהעלפן און גרינגער מאכן פאר זייערע אידישע ברידער מיט די עטליכע טרעילארס מיט פראדוקטען פאר משפחות וועלכע וועלן זיך מחי' זיין דערמיט אויפ'ן יום טוב.**

איז טאקע אינטערסאנט צו אנמערקן אז די לאקאלע פאליציי, וואס האט עטליכע מאל במשך די נאכט באזוכט די סצענע, האבן זיך איינפאך נישט געקענט איבערקומען פון די סדר און געלאסענקייט ווי אזוי דאס איז צוגעגאנגען.

דער טשיף פון די לאקאלע פאליציי דערפארטמענט איז איינמאלדן געפארן בעפאר איבער דעם פראגראם, אז מען וועט אויסטיילן עסן פארן ציבור, און ער האט דעריבער אראפגעשיקט עטליכע פאליציי אפיצירן זיך צו אומקוקן אויב אלעס קלאפט האט דער טשיף זיך אויסגעדריקט פרייטאג צו די עסקנים, אז אין אלע זיינע יארן אין דינסט, געדענקט ער נישט אזא מציאות, אז אזא סארט פארטיילונג זאל אפגעראכטן ווערן מיט אזא סדר און ארדענונג. ער האט באטאנט אז ס'איז אים געווען אן אויסטערלישע וואונדער, וויאזוי עס זענען געשטאנען – אין משך פון עטליכע שעות – א לאנגע רייע פון קארס, פון פיין היל ביז'ן זמיגראדער הויף, אבער מען האט נישט געהערט דאס מינדסטע פייף, קיינער האט נישט געשריגן אדער זיך גערעגט און אלעס האט געקלאפט און איז געפארן מיט אן איידלקייט און רואיגקייט, וואס דער גוי האט נישט געקענט גענוג באוואונדערן.

**דאס איז אין צוגאב צו די ריזיגע חלוקה פון "והנחה למדינות עשה", ווען עס איז פארטיילט געווארן קיאופאנס מיט באדייטענדע דיסקאונטס פאר קליידער געשעפטן ווי אויך פאר עסן, פיש און פלייש אז דער ציבור זאל קענען רואיג איינקויפן לכבוד יום טוב.**

אלעס אינאיינעם האבן אידן אין בלומינגראוו געקענט רואיג אנגרייטן דעם יום טוב דורך אפשפארן ריזיגע געלטער אויף די צרכי החג, וואס איז אזוי וויכטיג אין די יעצטיגע שווערע פינאנציעלע לאגע. לויט א קראנטע חשבון האט יעדע דורכשניטליכע היימישע משפחה זיך געשפארט די סומע פון אומגעפער 500 דאללער, וואס איבריג צו שילדערן וויפיל דאס האט ב"ה ארויסגעהאלפן פאר די הוצאות החג.

★ ★ ★

די פאסיג האט זיך אויסגעדרוקט א חשוב'ער ת"ח מתושבי עירינו, אז דאס לעצטע מאל וואס מיר אלע, בלומינגראווער איינוואוינער, האבן זיך פאראייניגט תחת קורת גג אחד איידער דעם אויסברוך פון דעם ביטערן ווירוס, איז אייגנטליך געווען בלויז מיט 3 וואכן צוריק, ביי דעם אומפארגעסליכן מעמד "להקהל ולעמוד" מוצש"ק תשא העעל"ט, וואס למפרע איז דאס געווען די שענסטע צייכן פון די הערליכע אחדות מיט וואס מיר זענען געבענטשט, און טאקע דער נאמען "להקהל ולעמוד" האט ווירקליך אמבעסטן כאראקטעריזירט די נאכפאלגענדע מעשי הצדקה והחסד, וואס האט פאראייניגט און געשטארקט בלומינגגראווער אידן אויף אזא שיינעם פארנעם.

והוא שעמדה לאבותינו ולנו! אודאי האפן מיר אלע אז אט די הארציגע חסד, די ליבליכע ברודערשאפט, און די רויע אהבת ישראל, וואס מיר האבן מיטגעלעבט אויף אזויפיל פראנטן, די פארצייטישע אידישע שתדלנות און גוט -ברידערשאפט אין צייטן פון נויט, אויפ'ן זעלבן שטייגער ווי מיר פלעגן ליינען אין אין די היסטאריע ביכער וואס חזר'ט זיך אצינד איבער פאר אונזערע אויגן, זאל שוין מעורר רחמים זיין אין הימל, און אפטון אידישעליידן און פיין.

**אין דעם גרויסן חודש אשר ישועות בו מקיפות קוקן אידן ארויס מיט דער האפענונג אז עס זאל שוין נתעורר ווערן די רחמנות פון השי"ת, "כֵּן ה' אלקינו יַגִּיעֵנוּ לְמוֹעֲדִים וְלִרְגָלִים אֲחֵרִים הַבָּאִים לִקְרָאתֵנוּ לְשָׁלוֹם, שְׂמֵחִים בְּבִנְיַן עִירֶךָ וְשָׂשִׂים בַּעֲבוֹדָתֶךָ".**

# טעגליכע "טעלעפאן קאָנפערענצן" מיט "קאָוויד 19 טעסק-פאָרס" פון ארענדזש קאונטי טאונס, ווילעדזשס און עמערדזשענסי דעפארטמענטס קניפט אָן אויסנאַמליכע באַציאונגען מיט לאָקאַלע אינסטאנצן

## שטאטישע באאמטע איבערראשט פון געניטע הילף און סוקסעספולע קאארדענאציע דורך געטרייע יו. דזשעי. סי. פאָרשטייער אין צייט פון קריזיס

אין שוואונג פון די אנגעשטרענגטע און שווערע צושטאנד וואס די וועלט גייט אריבער מיט דעם שרעקליכן עפידעמישן אויסברוך וואס האט אלעמען איינגעהילט אין אנגסט, האט זיך ווידערמאל ארויסגעשיילט דאס געוואלדיגע סייעתא דשמיא וואס באגלייט ב"ה די איבערגעגעבענע שתדלני הציבור, די געטרייע יו. דזשעי. סי. מיטגלידער, וועלכע האבן זיך ארויסגעשטעלט צו זיין די ריכטיגע שלוחי הציבור, ווען עס קומט צו פארהאנדלען און זיך דורכקומען מיט די לאקאלע מוניציפאלע רעגירונג און הילפ׳ס אגענטורן, מיט אלע נויטיגע שריט און אקטיוועטען אין דעם יעצטיגן קריזיס.

אנגעהויבן פון די ערשטע מינוט, ווען מען האט זיך דערזען מיט די יעצטיגע סטואציע וועלכע האט זיך בלויז פארערגערט ל"ע מיט יעדן פארבייגענדן טאג, זענען עס געווען די היימישע אידישע פארטרעטער וועלכע זענען באלד געקומען צוהילף פאר די היזיגע אינסטאנצן מיט די ריכטיגע פעולות און געניטע קאארדענאציע וויאזוי צו באהאנדלען די לאגע אויפ׳ן בעסטן און רואיגסטן פארנעם.

די לאקאלע טאון און סאוט בלומינגראוו, ווילעדזש און סאוט בלומינגראוו, און אזוי אויך די פייער און פאליציי דעפארטמענט האבן ביים אויסברוך פון דעם ווירוס געזוכט צו שאפן די נויטיגע באשיצונג מאטריאל, פאר די ווילעדזש און טאון געברויכן און איבערהויפט צום באנוץ פון די עמערדזשענסי רעטונגס אגענטורן, אבער נישט זייענדיג געוואוינט צו האנדלען אזא סארט סטואציע זענען זיי געווען איבערראשט און ערשטוינט ביז גאר, צו באקומען דעם פאזיטיוון אפפער פון די געטרייע יו. דזשעי. סי. עסקנים וועלכע האבן זיך באלד אריינגעווארפן און ערלעדיגט אלע נויטיגע ארטיקלען, ווי מאסקעס, הענטשעך, סענעטייזערס און אנדערע וויכטיגע באשיצונג פראיעקט, וואס איז געליפערט געווארן קיין בלומינגראוו, בלויז אדאנק די אינטערווענץ פון די אידישע היימישע שתדלנים.



במשך די גאנצע תקופה האט די "יו. דזשעי.סי." פאראיין זיך ערווארבן א רעפוטאציע ביי אלע לאקאלע און מוניציפאלע באהערדע אלס אן העכסט אחריות׳דיגע און זאכליכע קאמיטע, אויף וועמען מען קען זיך פארלאזן און וועלכע ארבעטן מיט פלייס און טאקט צו ברענגען פאקטישע רעזולטאטן, פאר די גאנצער שטאט און פאר אלע איינוואוינער און הילפס אגענטורן.

זינט דעם אויסברוך פון דעם "ווירוס" איז באשטימט געווארן א פאראייניגטע "קאָוויד 19 טעסק -פאָרס", וואס אין אירע ראמען ווערט טאג טעגליך אפגעהאלטן א "טעלע- קאנפערענץ", הויכראנגיגע באאמטע פון איבער גאנץ ארענדזש קאונטי, די טאון סופערווייזערס, די מעיארן פון די ווילעדזשעס, די סטעיט פאליציי און די לאקאלע פאליציי אגענטורן, די טשיף׳ס פון די פייער דעפארטמענטס, דער מעדיקל עקזעמינער, דער דיסטריקט אטורני, דער קאונטי עקזעקיטיוו, און אזוי אויך די געטרייע עסקנים פון "יו. דזשעי. סי." וואו עס ווערט ברייט און דעטאלירט אויסגעשמועסט די טעגליכע סטאטוס און אנטוויקלונגען פון די לאגע, מיט אנווייזונגען און ראט וויאזוי צו באהאנדלען ווייטער דעם קריזיס.

אין אזא צייט פון צעמישעניש און פאניק איז עס "יו.דזשעי. סי." וואס האט און טוט פאקטיש ערלעדיגן און ברענגט צום טיש מערערע הילפס פראגראמען, אינפארמאציע און אנדערע וויכטיגע מאטריאל און אונטערנעמונגען וואס דער טאון, דער ווילעדזש, און די עמערדזשענסי אגענטורן נויטיגן זיך דערינען.

בחסדי השי"ת האט מען ב"ה דערמיט ערררייכט א געוואלדיגן צוטרוי און שעצונג ביי אלע היזיגע 'אפישלס' וועלכע קענען נישט גענוג אויסדרוקן זייער אנערקענונג און התפעלות פון די ענערגישע שתדלני הציבור, ווי איינער פון די וויכטיגע לאקאלע ערוועלטע באאמטע האט זיך אויסגעדרוקט די וואך פאר די עסקנים: "איך זעה דאך אז ענק פארשטיין וויאזוי מען קען מאכן זאכן ארבעטן", וואס איז פארשטענדליך אן אויסטערלישע תועלת מיט ווייטגרייכענדע רעזולטאטן מיד ולדורות בעז"ה.

וְאַף אַתָּה אֱמָר לוֹ כְּהִלְכוֹת הַפֶּסַח

# וויכטיגע הלכות פאַר היי-יאָר פסח

## אין ליכט פון דעם שווערן מצב וואס הערשט ליידער איבער דער וועלט

געשריבן דורך הרב הגאון רבי אשר הלוי מאנן שליט"א, דומ"ץ דקיט"ל בית יעקב נחמי' מוירטל

### פארקויפן די חמץ

ווער ס'גייט נישט ארויס פון שטוב, קען שטעלן **א "שליח" צו פארקויפן זיין חמץ, אפילו אָן אַ קנין**, און דער רב קען זיין דער שליח צו פארקויפן זיין חמץ פאר'ן גוי.

### בודק חמץ זיין

- ביינאַכט פון בדיקת חמץ דאווענט מען מעריב ביים זמן, און וויבאלד מ'טאר נישט עסן ביז ווען מ'וועט מאכן בדיקת חמץ זאָל מען זען צו עסן פאַר מעריב. דער וואָס דאווענט אין שטוב זאָל זען צו עסן ביז שפעטסנס א האלבע שעה פאַר מעריב, און אויב שפירט ער א שוואכקייט פאַר'ן בודק זיין זאָל ער עסן אַ פרוכט.
- מ'זאל באהאלטן די חמץ [וואס מ'לאזט איבער 'צום עסן' נאָך בדיקת חמץ] "בעפאָר'ן בודק זיין", אויף א פלאץ וואו די קינדער קענען נישט צוקומען. נאכ'ן ענדיגן די בדיקה טאר מען שוין נישט געבן פאר קליינע קינדער צו עסן חמץ אליין, נאָר איינער פון די ערוואַקסענע אין שטוב וואָס זענען געוואוינט גרויס צו זיין באַגלייבט ווען זיי זאָגן אז זיי האבן אפגעהיטן ס'זאל נישט ווערן פאַרשפרייט קיין ברעקלעך.
- מ'זאל נישט איבערלאזן קיין חמץ אין שטוב מער פון וויפיל מ'דארף צום עסן און די צען ברעקלעך.
- אויב איז דער טאַטע פון שטוב אין שפיטאָל ה"י, דעמאלט זאל דער וואס בלייבט אין שטוב בודק חמץ זיין און ער זאָל מבטל זיין דעם חמץ, און ער זאל ארויסזאָגן "איך בין מבטל די חמץ פון דעם מענטש".
- לכתחילה אויב איז שייך, זאל דער בעה"ב שטעלן א שליח צו מאכן די בדיקה און ביטול, און אויך ער דער בעה"ב אליין זאָל מבטל זיין דעם חמץ פונעם פלאץ וואו ער געפינט זיך.

### ערב פסח אינדערפרי

- איז כדאי אויפצושטיין פרי פארטאגס, כדי ס'זאל בלייבן גענוג צייט צו עסן חמץ און ענדיגן אלעם וואס מ'דארף ביז'ן סוף זמן שריפת חמץ.

### סעודת סיום בכורים

- ווער ס'איז א בכור אדער האט א זון א בכור, זאל מאכן – אָדער הערן – א סיום און זיך באטייליגן ביי די סעודה. היות ליידער זענען די בתי מדרשים פארשלאסן היי-יאָר לעת עתה, זאל מען אנגרייטן אין הויף איין ווינקל צו קענען צוגרייטן די סעודת הסיום.
- איב איז נישטאָ קיין פלאַץ, זאל דער בעל המסיים אליין אנגרייטן אביסל מזונות, און ס'קען אויך זיין פסח'דיגע שהכל-קעיק, טרונקען לחיים, און די בכורים זאלן נעמען אַ שטיקל מזונות און מאכן א לחיים.
- מ'זאל עסן אין די מאָס פון לערך אַזוי גרויס ווי אַן איי", און דערנאך קען מען עסן ווייטער אגאנצן טאג, אבער מ'זאל נישט עסן אדער טרונקען פאר דעם. דאס איז נאר געזאגט געוואָרן פאר די וואָס מאכן נישט אליין דעם סיום, נאר זענען יוצא פון יענעם. אבער דער בעל הסיום אליין קען יאָ עסן און טרונקען פאר דעם, ווייל ס'דאך זיין יום טוב.
- ס'איז פשוט, אז דער וואס מאכט א סיום ביי זיך אין שטוב, הייסט דאס א סעודת מצוה, כאטש ס'נישטאָ קיין אַנדערע באַטייליגטע דערביי.

### שריפת וביטול חמץ

- ווער ס'גייט נישט ארויס אינדרויסן, זאל איבערלאזן צו פארברענען בלויז איין כזית חמץ, און דאס זאל זיין די 10 ברעקלעך חמץ [און מ'זאל זיין געווארענט עס ארומצונעמען מיט אַ פאפיר כדי מ'זאל עס קענען פארברענען] מיט דעם האלצערנעם לעפל און עס אריינלייגן אן א בעקעלע, און אזוי עס פארברענען.
- [די מאָס איז ס'זאל זיין 1.06 אונסעס ברויט, און אויב האט מען נישט דארף עס זיין אמווייניגסטנס 0.53 אונסעס.]
- מ'קען ארויפגיסן אביסל אויל אויפ'ן חמץ וואס העלפט אז ס'זאל בעסער פלאַמען און פארברענט ווערן אינגאַנצן.
- אזוי אויך קען מען עס פארברענען אויפ'ן חמץ'דיגן גאז-רענטש, ביז ס'ווערט אינגאנצן אַש, און וואס ס'בלייבט איבער פונעם האלצערנעם לעפל זאל ער ארויסווארפן אין מיסט. די אַש קען מען אַוועקגיסן אין ביה"כ.
- מ'קען אויך פארברענען דעם חמץ דורך אַ שליח, און דער שליח זאָל מבטל זיין דעם חמץ פאַר אים, און זאָגן "איך בין מבטל דעם חמץ פון פלוני", און דער מענטש אַליין זאָל אויך מבטל זיין דעם חמץ.
- ווער ס'איז אין שפיטאָל ה"י, קען זיין פרוי זיין די שליח פאַר פאַרברענען און ביטול חמץ. (און ער זאל אליין אויך מבטל זיין, אויב קען ער, ווי פריער געזאָגט.)
- אויב פארלייבט איבער נאך חמץ אויסער די 10 ברעקלעך, זאל מען עס שנעל ארויסווארפן אינדרויסן אין מיסט, אָבער נישט אין די אייגענע מיסט-קאַסטענעס. דאָרט טאָר שוין נישט בלייבן קיין שום חמץ.

### מלאכה ערב פסח

- מ'טאר נישט מאכן קיין שום מלאכה פון חצות און ווייטער. אבער צו פארריכטן קליידער, לייגן קנעפלעך או"וו, מעג מען טון אויב טוט מען עס פאר זיך, נישט פאַר ביזנעס. די זעלבע אלע מלאכות פון חול המועד איז מותר ערב פסח, ווי אַ דבר האבד וכדומה.
- וואַשן וועש טאָר מען נישט, אָבער ביגלען מעג מען יאָ. אריינצולייגן אין וואש מאשין פאר חצות און ס'וואשט זיך נאך חצות מעג מען יאָ.
- זיך אָפשערן איז אסור, און מ'דארף ספעציעל געוואָרענט זיין היי-יאָר ווען די שולן זענען ליידער געשלאָסן, אַז מ'זאל זיך אָפשערן פאר חצות. שניידן די נעגל איז אויך לכתחילה נאר בלויז ביז חצות.
- אָבער דאס אלעס איז מותר דורך א גוי. דעריבער איינער וואס האט זיך פארגעסן צו שערן פאר חצות, קען זיך שערן נאך חצות דורך אַ גוי.

### נעמען וויטאמינען

- מ'קען ווייטער נעמען אום פסח די אלע ווייטאמינען וואס איז וויכטיג יעצט אין ליכט פונעם ווירוס.
- צום ביישפיל: וויטאַמין סי, וויטאַמין אי, זינק, און אויך אַנדערע ווייטאמינען, כאָטש ס'איז קטניות.
- אָבער אויב מ'לייגט דאָס אין אַ גלאָז אָדער טעלער וכדו', זאל מען ניצן נאר בלויז דיספאָוזעבלס וואָס מ'ניצט איינמאל און מ'ווארפט אוועק.
- כאטש געווענליך אום פסח באַניצט מען זיך נישט מיט קנאָבעל, קען מען היי-יאָר נעמען די קנאָבעל-וואַסער וואָס די דאָקטורים האָבן פאַרשריבן, און מ'דאַרף זיך נישט מתיר נדר זיין דערויף.
- (פארשטענדליך, אז פאר פסח זאל מען נישט ניצן דאס וואס מ'האט אנגעגרייט פאר פסח, נאר אלעס מאכן פריש. דאס וואס מ'האט געמאכט מיט א חמץ'דיגן מעסער, מוז מען אוועקוואַרפן ערב פסח!)

### עסן ערב פסח

- מ'דארף זען צו עסן געהעריג, מ'זאל זיין זאַט און געזונט אזוי ווי א געווענליכן טאָג. מ'קען עסן פלייש, פיש וכדו', פרוכט און גרינצייג און קוגלען.
- היות מ'טאָר נישט טרונקען קיין וויין און מאָסט ערב פסח, אויב וויל מען טרונקען אַביסל זאָל מען אריינגיסן גענוג וואַסער ביז מ'דארף שוין מאכן א שהכל דערויף און דאַן קען מען טרונקען.

### עירוב תבשילין

- דאס יאר געפאלט אויס יום טוב דאָנערשטאָג און פרייטאָג, דעריבער דארף מען געווארנט זיין צו מאכן אן עירוב תבשילין.
- אויב האט מען פארגעסן און מ'דערמאנט זיך שוין נאָכ'ן זמן הדלקת הנרות, קען מען עס מאכן בדיעבד ביז'ן זמן רבינו תם. אויב דערמאנט מען זיך בין השמשות און ס'שוין נישט דא קיין צייט צו נעמען אַן עירוב תבשילין זאָל מען זאָגן: "דאָס געקעכץ וואָס ליגט אויף דעם פלאץ [און ארויסזאָגן וואו ס'ליגט] לייג איך אוועק פאַר עירוב תבשילין".
- שפעטער זאָל ער גיין דארט צום פלאץ פונעם געקעכץ, און ער זאל זאָגן נאכאמאל דעם נוסח אויף אַ תנאי ווי פאָלגענד: "אויב איז היינט א וואכנטאָג דעמאלט לייג איך עס אוועק פאר עירוב תבשילין", אָבער ער זאל נישט מאַכן קיין ברכה.
- די זעלבע זאך דארף מען טון אויב מ'האט זיך דערמאַנט דעם ערשטן טאָג יום טוב.
- אויב האט מען פארגעסן דעם ערשטן טאָג אויך, און מ'דערמאנט זיך ערשט דעם צווייטן טאָג, דארף מען פרעגן א שאלה פון א דיין.

## בראָטן די זרוע

- די צוויי סדר-נעכט טאָר מען נישט עסן קיין געבראָטן פלייש, אויך נישט געבראָטן אין אַ טאָפּ ווי צום ביישפּיל "פּאפּריקאש פלייש" אא"וו, נאָר בלויז פלייש וואס מ'האט געקאָכט מיט זאפט.
- ווער ס'האט פארגעסן צו בראטן דעם זרוע ערב פסח, קען עס בראָטן ביינאַכט פאר'ן סדר, אבער מ'זאל געדענקען אַז מ'מוז עסן אַ שטיקל דערפון דעם ערשטן טאָג יום טוב ביי דער סעודה.

## מעריב און הלל

- מ'דאווענט מעריב אזוי ווי אלע יארן, און אונזער מנהג איז צו זאגן הלל מיט א ברכה. אזוי דארף מען אויך טון אפילו ווען מ'דאווענט אין שטוב אָן קיין מנין.
- אויך די פרויען מעגן זאָגן דעם הלל.
- אבער מ'זאל זיין געווארענט נישט אנצוהייבן הלל פאַר'ן זמן פון מוצאי שבת. (ווייל מ'דארף דאך מיט דער ברכה יוצא זיין דעם ברכת הלל פונעם סדר).

## פרעגן די 4 קושיות

- ווען איינער מאכט א סדר פאר זיך אַליין אָן קיינעם, ה"י, זאָל ער אליין זאָגן די פיר קושיות פאַר זיך. אויב איז ער מיט זיין פרוי, זאָל די פרוי פרעגן די 4 קושיות און ער זאָל זאָגן עבדים היינו.
- אויב די פרוי פאַרשטייט וואָס זי זאָגט, פעלט נישט אויס זי זאל עס איבערזאָגן אויף אידיש.

## זאגן הלל ביים סדר

- אויב איז דאָ 3 מענטשן ביים סדר, זאל איינער פאָרזאָגן "הודו" און "אנא" פאר די צוויי אנדערע, אזוי ווי א בעל תפלה, און זיי זאָלן נאָכזאָגן. צום ביישפּיל: אויב האט ער זיין פרוי מיט אַ קינד – אפילו א מיידל – פון זעקס-זיבן יאָר און העכער, דעמאלט זאל ער טון אַזוי ווי פריער געזאָגט. אויב, אָבער, איז נאָר דאָ איינער אויסער אים, דעמאלט זאָל מען זאָגן גאנץ הלל צוזאמען אַזוי ווי אַ יחיד וואָס זאָגט.
- ס'דאָ אַ הידור, אויב קען מען, אז אויך הלל מיט די ברכה זאל זיין פאר חצות. דעריבער, די וואָס מאַכן דאָס יאָר דעם סדר אַליין אָן די קינדער, און מ'דארף נישט וואַרטן אויף קיינעם, זאָלן תיכף אָנהייבן דעם סדר נאָך מעריב, כדי מ'זאָל קענען ענדיגן אַלעס פאַר חצות.

## די שיעורים צו מקיים זיין די מצוות פון טרונקען ווייַן און עסן מצה ביים סדר-נאַכט

- ווער ס'שפּירט זיך נישט גוט, זאל זען אויסצומעסטן און זיך פאָרברייטן אלע שיעורים פון ערב יום טוב.
- ס'איז בעסער אַז מ'זאל נעמען א קליינעם כוס, וואָס איז פונקט ווי דער שיעור, און ער זאל עס אויסטרונקען די גאנצע, ווי איידער נעמען אַ גרויסן כוס און נישט אויסטרונקען די גאַנצע.
- די שיעורים צום טרונקען די כוסות זענען ווי פאלגענד: **דער גרויסער שיעור פון אַ רביעות איז: 5.1 אונסעם. דער קליינער שיעור איז: 2.9 אונסעם. ס'דא נאך א קלענערער שיעור פון 2.54 אונסעם.**
- לכתחילה זאל מען זען אויסצוטרונקען דעם גאנצן שיעור אויף איינמאָל, אָדער לכל הפחות מיט בלויז איין אָפּשטעל אינדערמיט.
- די שיעורים פאַר די כזיתים מצה זענען ווי פאָלגענד: **אַ גרויסער כזית איז: 1.06 אונסעם. א קליינער כזית איז 0.53 אונסעם.**
- **פאר מוציא מצה דארף מען כתילה עסן 2 קליינע כזיתים, וואס צוזאמען קומט עס אויס איין גרויסער כזית.**
- **ביי מרור זאל מען נעמען 1 כזית. ביי כורך 1 כזית מצה און 1 כזית מרור. ביי אפיקומן זאל מען נעמען לכתחילה 2 קליינע כזיתים, און בדיעבעד איז גענוג 1 כזית.**
- מ'זאל זען צו עסן פון צווישן 2 מינוט און 6 מינוט, ביז מאַקסימום 9 מינוט.
- ווער ס'האט אויסגעבראָכן אלעס וואס ער האט געגעסן, און ער שפּירט אז ס'איז גארנישט געבליבן אפילו נישט איין כזית מצה אויך נישט, איז דאָ אַ זייט צו זאָגן אז מ'דארף מחמיר זיין צו עסן נאכאמאל איין כזית. אפילו ער האלט שוין נאכ'ן בענטשן, זאל ער זייך וואשן נאכאמאל און עסן 1 כזית.
- אפילו ווער ס'שפּירט נישט יעצט קיין טעם אין עסן, איז יוצא די מצוה פון אכילת מצה ומרור.
- ביי מרור און אפיקומען, אויב איז אים שווער קען ער נעמען דעם קליינעם כזית פון 0.53 אונסעם. פאר קליינע קינדער קען מען מקיל זיין צו דעם שיעור אויך ביי אכילת מצה.

## יונגעלייט וואס מאכן דעם ערשטן מאָל א סדר

- היות היי-יאר וועט זיין מער אברכים וואס וועלן מאכן דעם סדר צום ערשטן מאל, איז זייער וויכטיג מ'זאל זען זיך פאָרצוברייטן פאר יום טוב, די הלכות און מנהגים, מ'זאל ויסן וויאזוי צוצוגיין און זיך פירן צום סדר בפרט און הלכות פסח בכלל.

## ציילן ספירה

- די צווייטע נאכט ציילט מען ספירת העומר, און אונזער מנהג איז צו ציילן נאכ'ן סדר. ווער ס'האט מורא אז ער וועט פאַרגעסן, וויבאלד ער גייט נישט ארויס נאָכ'ן סדר, זאָל ציילן ספירה פאר'ן סדר גראָד נאָך מעריב.

## מוריד הטל

- מ'הייבט אן זאגן מוריד הטל ביי מוסף. און ווען ס'נישטא ווער ס'זאל אויסרופן, דעמאלט זאָגט מען נאָך ביי שטילע שמונה עשרה מוריד הגשם.
- די וואס דאווענען ביחידות, קענען זאָגן דעם פיוט פון "טל" נאָך שמונה עשרה, און זיי הייבן אָן זאָגן מוריד הטל הערשט ביי מנחה.
- אויב דאווענט מען מוסף שוין נאך וואס דער ציבור האט געדאווענט שטילע שמונה עשרה און דער בעל תפלה האָט שוין געזאָגט מוריד הטל, זאל ער אויך זאָגן מוריד הטל.

## ארויסגיין מיט אַ מאַסק אום שבת קודש

- מ'מעג ארויסגיין מיט א מאסק אום שבת, אויב איז עס געמאכט אויף אזא אופן אז ס'קען נישט אראפּפאלן, ווי צום ביישפּיל אז ס'כאפּט זיך אָן אויפ'ן אויער אא"וו.
- ווער ס'וויל מחמיר זיין נאך מער, זאָל ארייַנשטעקן אַ סעיפטי פּין אין דעם בענדל און דערנאָך עס ארייַנשטעקן אין זיין בגד. מ'מעג דאס טון אום שבת אויך.
- אָבער דאָס איז נאָר אַ חומרא. מעיקר הדין מעג מען ארויסגיין דערמיט לכתחילה, אויב איז עס באַפעסטיגט און ס'פאלט נישט אראפּ.

## צו זיין געווארענט

- ווען מ'באַקט אדער פרעגלט לאָקשען אום פסח, זאל מען זיין געווארענט אום שבת מ'זאל נישט ארויפגיסן אויף דעם פונעם כלי ראשון ווי אגאנץ יאר, נאר מ'זאל קודם לייגן די זופּ מיט א שעפּלעפל אינעם טעלער, און דערנאך אריינלייגן די לאָקשען.

## בורא מיני בשמים

- מ'פירט זיך אז פסח באניצט מען זיך נישט מיט בשמים נעגלעך. אויב האט מען נישט קיין הדסים, קען מען נעמען פאר בשמים צו הבדלה "אינגבער" אָדער "צימערינג" און מ'זאָל דערצו צושטעלן מאַראַנצן-שאָלאַכטס, עס אביסל ארייַנרייבן ס'זאָל באַקומען אַ שמעק, און דאן קען מען מאכן דערויף בורא מיני בשמים.

## יזכור אחרון של פסח

- מ'פירט זיך אז דעם לעצטן טאָג יום טוב איז מען מזכיר נשמות און מ'גיט צדקה לעילוי נשמת.
- אויך די וואס קענען נישט גיין היי-יאָר אין שול, זאָלן זאָגן יזכור אַליין אין שטוב און צוזאָגן די צדקה ווי אַלע יאָרן.

## דינים פון דוכנ'ען ביו"ט ובשבת

**פאר די וואס שפירן נישט גוט, און די וואס דאווענען אויף פּאָרטשעס**

- אַ כהן וואָס שפּירט נישט גוט, זיין האַרץ איז אים שוואַך און מוז עפּעס טועם זיין פאַר'ן דוכנ'ען, זאָל לכתחילה הערן קידוש פון אַ ישראל. אויב איז נישט שייך, זאָל ער מאכן קידוש נאר אויף גרעיפּ זשוס אָדער מאָסט.
- אויב האט ער נישט זאָל ער מאַכן אויף אַ קליינעם גלעזל ברוינפן. אויב האט ער נישט בלויז וויין, זאָל ער מאכן קידוש און טרונקען נאָר "מלא לוגמיו", וואָס איז רוב פון אַ רביעית, אָדער זאל ער אויסטרונקען דעם כוס אפּגעהאַקט מיט'ן שלונגען צוויי מאָל. בכל אופן זאָל מען נישט טרונקען מער ווי אַ רביעית. אויב קען ער זאָל ער נעמען א קליינעם כוס פון 2.9 אוננסעס אָדער 2.54 אונסעם.
- לכתחילה זאָל מען דוכנ'ען נאָר נאך וואס מ'האט שוין געדאווענט שמונה עשרה פון מוסף. אָבער אויב איז איינער שוואך, קען ער קודם דוכנ'ען און שפּעטער דאווענען. אבער על כל פנים זאל ער פּרובירן ער זאל שוין האלטן נאָך ברכת התורה.
- אויב איז דא א לוי, זאָל דער לוי אים וואַשן די הענט. טאמער נישט, זאל ער אליין זיך וואשן די הענט. מ'קען זיך וואשן די הענט פאַר שמונה עשרה.
- די וואס דאווענען אויף די פּאָרטשעס, און מ'איז זיך אזוי מצטרף צו מנין, זאלן די כהנים בלייבן שטיין יעדער אויף זיין פלאץ צום דוכנ'ען, און דער ציבור זאל זיך אוועקדרייען דעם קאפּ פון דארט וואו די כהנים שטייען.
- ווען ער דאווענט אין שטוב, זאָל ער זיין געווארענט נישט ארויסצוגיין אינדרויסן ביז דער בעל תפלה ענדיגט ברכת רצה. און אויב גייט ער נישט ארויס פון שטוב בכלל, קען ער דוכנ'ען ביי זיך אין שטוב ביים פענסטער און שטיין מיט ד הענט אויסגעשפּרייט קעגן דעם ציבור. אויב האָט ער נישט אפּגערוקט זיינע פיס פונעם פלאץ וואו ער איז געשטאנען ביז דער בעל תפלה האט געענדיגט רצה, זאָל ער מער נישט עולה זיין לדוכן.
- מ'מעג דוכנ'ען אפילו מ'האט זיך נישט גע'טובל'ט, און מ'דארף זיך נישט מתיר נדר זיין דערויף. אום שבת חול המועד זאָל מען פרעגן אַ מורה הוראה.








דרשו את שלום העיר: עסקנים פון יו.זשעי. ס׳. ביים אראפלייגן 2 באקסעס מכל טוב וטוב פארן אמטירענדען מעיאר לעפרענקאו

יו דזשעי סי פארטיילט עסן פאר ׳אלע׳ איינוואוינער אינעם געגענט, מיט א ספעציעלע "עמערזשענסי פוד בענק" טראק וואס איז ארומגעפארן מיט פאליציייאישע באגלייטונג, די אקטיוויטעט האט ארויסגערופן א געוואלדיגע קידוש ה׳ און פאזיטיוו באגריסט געווארן







בלומינגראוו טאון פאליציי שעף קומט מיטהאלטן דאס אנגרייטן די פעקלעך, דרוקט אויס באגייסטערונג פאר די געוואלדיגע אינטערנעמונג













אינטרעסאנטע קאמענטארן פון די שכנים אויף זייער ׳פעיסבוק׳ זייטל

# אפקלינגענדע קידוש ה' הילכט אפ אויף אויסטערלישן פארנעם ביי ברייטע "פוד בענק" עסן פארטיילונגען דורך "יו.דזשעי.סי." פאר די אלגעמיינע שכינים

דאס בלומינגראווער אידנטום האט אין די פארלאפענע טעג, געהאט די זכי' צו מיטלעבן א זעלטן אויסנאמליכע ספעקטאקל פון "קידוש ה'" און "דרשו את שלום העיר", דייקא אין דעם יעצטיגן שווערן קריזיס, ווען אין א געניאלן אונטערנעמונג האט די "יו. דזשעי.סי." דורכגעפירט א העכסט סוקסעספולן "פוד בענק" פארטיילונג אויף א צוגעגליכן און ברייטן אופן פאר אונזערע שכינים אין דעם ווילעדזש ווו סאוט בלומינגראוו, וואס האט ב"ה אפגעקלינגען נאנט און ווייט מיט א זעלטענעם השפעה לטובה.

דאס עסן פארטיילונג איז אגאנזשירט געווארן דורך די ענערגישע עסקני הציבור וועלכע האבן געשפירט אז אצינד, מער פון אלעמאל, איז די פאסיגע צייט, ווען אזא שריט וועט אויפגענומען ווערן מיט פאזיטיווע געפילן דורך אונזערע גאנץ יאריגע שכינים, די איינוואוינער פון אונזער געגנט, אין א תקופה ווען מענטשן גייען אריבער א שווערע איבערלעבעניש, ווען מערערע קענען אויך נישט ארייגגיין אין דער ארבעט און אין רעזולטאט פארלירט מען די מעגליכקייט צו איינהאנדלען עסנווארג און אנדערע וויכטיגע געברויכן.

ווירקליך איז עס דעם פארלאפענעם פרייטאג ויקרא געווען באמת א מחזה הוד פון קידוש ה' ווען אויף די גאסן פון בלומינגראוו האט זיך געשלענגעלט דער גרויסער טראק אנגעפולט מיט עסן און וואסער, מיט א פרייגטליכן אויסרוף צו די איינוואוינער, אז עס ווערט אצינד פארטיילט א ספעציעלע "פוד בענק" דורך די אידישע געמיינדע פאר אונזערע שכינים.



בס"ד

United Jewish Community of Blooming Grove

Est. 2019

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

Isaac Eckstein, Board Chairman
Joel Stern, Board Representative
Robert S. Rosborough IV, Board Counsel
Joseph Weinberger, Finance / Fundraising
Abraham Weiss
Chaim Gluck
David Krausz
Hershel Lowy
Mordche Holtzer
Moshe Halpern
Shia Bitman
Board members

March 26, 2020

Dear Neighbors, Friends and Residents of South Blooming Grove,

We are now all going through tough and dire periods of time, with the COVID-19 situation still uncertain and unpredictable with no clear end in sight as of yet.

While we hope and pray for a fast and rapid end to this nightmare, we cannot sit by idle while our fellow neighbors and friends are losing jobs and going low on the bare minimums and basic food staples desperately needed to survive this ordeal day-to-day.

History is being written right now, and all of us as South Blooming Grove neighbors will come together to support and help each other, we will lead by example and be a beacon of light and hope in times of distress and despair.

We would like to assure you that you can depend on the Jewish Community of Blooming Grove at large to stand by your side in these anxious situations and we will not allow anyone to suffer because of a shortage of income or supplies.

We at the United Jewish Community of Blooming Grove extend a helping hand to all residents of the village, and we are offering you a package of important and useful food and beverages free of charge. We will do everything in our capacity to assist and comfort you throughout this ordeal.

Feel free to reach out to us at any time! We are here to help and we will make this through together and we will all come out of this stronger than ever!

Contact us anytime at: Info@UJCofBloomingGrove.org

Sincerely
**Isaac Eckstein**
UJC Board Chairman

**Joel Stern**
UJC Board Representative

דאס פארטיילן דאס עסן דורכאויס בלומינגראוו איז באזונדער דורכגעפירט געווארן מיט א געניטן סדר, דורך די חשוב'ע עסקנים, וועלכע זענען געווען אנגעקליידעט מיט די נויטיגע שוץ - מאסקעס און הענטשוך, מיט פאליציי־אישע באגלייטונג. מען האט געזען אויף אלע גאסן וויאזוי נישט - אידישע שכינים פרייען זיך צו די "יו. דזשעי. סי". עסקנים און נעמען אפ זייערע אנגעפולטע באקסעס מיט אן אפענע הכרת הטוב און שעצונג.

און דער אפרוף איז טאקע געווען אומגעהויער, נאך פיל שענער און עפעקטיוו ווי גערעכנט. אין די נאכפאלגענדע שעות און טעג זענען די עסקנים זעלבסט איבערראשט געווארן ווען פון אלע זייטן האבן געפלייצט די קאמענטארן און באגריסונגען דורך צופרידענע בלומינגראווער איינוואוינער, וועלכע האבן נישט געקענט גענוג ארויסברענגען זייערע געפילן פון דאנק און לויב פאר די אידישע געמיינדע וועלכע האט זיך אזוי נאבל איבערגעגעבן צו העלפן און זיך פאראייניגן אין א צייט פון נויט.

אט אזוי איז מיט פיל סייעתא דשמיא, ב"ה געלונגען צו ווארפן א העכסט פאזיטיווע און גינסטיגע אָבבליק אויף אונז אלע, בלומינגראווער איינוואוינער, אז אונזערע שכינים זאלן פארשטיין און וויסן אז מיר, זייערע אידישע טיר - צו - טיר שכינים, זענען חלילה נישט דא צו זיי צו ענג מאכן אדער שטערן, פארקערט, מיר קוקן ארויס און מיר וועלן טון אלעס אין אונזער מעגליכקייט, צו לעבן אין הארמאניע, פרידליך און רואיג, מיט א פריינטליכע קעגנזייטיגע צוזאמלעבן וואס איז שטענדיג געווען און וועט ווייטער פארבלייבן די אויסשליסליכע אינטערעסן פון אונז אלעמען, וויללאנג מיר געפינען זיך אין דעם גלות אמעריקע ביז משיח'ס טאג במהרה.

כל דכפין ייתי ויאכל, כל דצריך ייתי ויפסח:

# שטארקע הילף ערמעגליכט דורך די "יו.דזשעי.סי." אז די מאלצייט פעקלעך פון די מוסדות התורה אין קרית יואל זאלן פארטיילט ווערן מיט א געניטן סדר "לאקאל" דאָ אין געגנט

א באדייטענדע רינגעלע אין די פעולות חובקות למען תושבי העיר, איז געוויס געווען דער פאסיגער איינשטעל צו פארזיכערן אז בלומינגראווער איינוואוינער האבן לייכטע און צוגענגליכע צוטריט צו די ברייטע "מאלצייטן פעקלעך" וועלכע ווערן אין די טעג פארטיילט דורך די מוסדות הק', אין א צייט וואס די קינדער געפינען זיך אינדערהיים און אזעלכע פעקלעך זענען א געוואלדיגע הילף פינאנציעל און פראקטיש פאר יעדע אידישע משפחה אין די אנגעשטרענגע ערבי פסחים.

די פריש געפאקטע און אנגעפולטע עסן ליפערונגען קיין בלומינגראוו איז בעז"ה צושטאנד געקומען אויף די אינציאטיוו פון די "יו.דזשעי.סי." עסקני הכלל, נאכדעם וואס די מוסדות אין קרית יואל זענען פארנומען און אנגעשטרענגט מיט'ן אנגרייטן און פארטיילן די צענדליגער טויזנטער זעקלעך און באקסעס מיט עסן, אזוי אז זיי האבן זעלבסט נישט געהאט די מעגליכקייט און הילף צו ארויסגיין פון וועג און ברענגען די באשטימטע פעקלעך קיין בלומינגראוו, וואס וואלט באדייט אז תושבי העיר וואלטן געדארפט יעדעס מאל מאכן דעם וועג צו די צענטראלע צענטערן אין קרית יואל כדי צו אפנעמען די פעקלעך.

צו פארמיידן אזא סיטואציע האבן די געטרייע עסקנים באלד זיך געוואנדן צו די אדמיניסטראציעס פון אלע מוסדות התורה, און עס איז בעז"ה אויסגעארבעט געווארן א פולקאמע מהלך וויאזוי די 'פרישטאג און מיטאג מאלצייטן' זאלן טאקע יא אפגעליפערט ווערן אויך דא לאקאל, און עס זאל פארטיילט ווערן אין עטליכע צענטערן ביי אונז אין דער שטאט, לתועלת בני העיר.

דער גאנצער פראצעדור פון אהערברענגען און באגלייטן דאס עסן פארטיילן ווערט אנגעפירט דורך א געניטע קאארדענאציע פון די געטרייע עסקנים, וועלכע באגלייטן דעם גאנצן פראצעדור אויף א קביעות'דיגן פארנעם, און פארזיכערן במשך די גאנצע צייט אז אלעס זאל "פארן געשמירט" תמידים כסדרן, און גלייכצייטיג מאכט מען זיכער צו אינפארמירן די עלטערן מיט צייטליכע מעלדונגען אביער סיי וועלכע שינויים און פרטים.

דוכט זיך אז סאיז טאקע געגנצליך איבעריג צו ערוועגען דעם פאקטאר וואס יעדער טוט אייגנטליך זעלבסט מיטגעהאלטן: די אויסטערלישע הילף וואס דאס באדייט פאר עלטערן און קינדער צוגלייך, אז נישט בלויז וואס מען ברויך נישט ארייןפארן קיין קרית יואל צו אפנעמען די מאלצייטן זעקלעך, נאר עס איז זאגאר צוגעשטעלט עטליכע באזונדערע לאקאציעס דא אין בלומינגראוו זעלבסט, כדי צו פארזיכערן אז יעדע געגנט פארמאגט א גענוג נאנטע אדרעסע, וואס זאל זיין צוגענגליך און "וואלקינג דיסטענס" פאר אלע ארומיגע שכינים, אויפ'ן שענסטן און לייכטסטן פארנעם.

**להחיות בהם נפש כל חי!**










### כל דכפין ייתי ויאכל, כל דצריך ייתי ויפסח:

# וואונדערליכע "איש את רעהו יעזורו" מעגאָ פסח פראָגראַם דורכגעפיִרט מיט אָויסטערלישע ערפאלג

## יו.זשעי.סי. פארטיילט פראָדוקטן און צרכי יו"ט פאר שטוינענד ביליגע דיסקאונט פרייזן און ווערדטפולע קיופאַנס; נאָך א נאבעלע פראיעקט דורך פאראייניגטע כח השתדלנות והחסד פון אונזער שפרודלדיגע געגנט

אין א צייט וואס די וועלט טרייסלט און אידישע קינדער גייען אריבער א ביטער - שווערע תקופה האט אזוי פרעכטיג ארויסגעשיינט דאס ליכטיגקייט פון די אידישע מדת הצדקה והחסד מיט אירע שענסטע פארבן און קאלירן, מיט דעם ערשטמאליגן און הערליכן "מעגא פסח פראגראם" וואס איז איינגעפעדעמט און דורכגעפירט געווארן מיט גרויס הצלחה דורך די געטרייע שתדלני הכלל, בעתו ובזמנו אין די יעצטיגע אנגעשטרענגטע ערבי פסחים.

שטייענדיג אין אזא שווערע תקופה, וואס האט ליידער אויך שטארק עפעקטירט די עקאנאמישע לאגע ביי מערערע אידישע קינדער, זענען די עסקנים החשובים אריינגעשפרינגען אין אט דעם נאבעלן "איש את רעהו יעזורו" פראיעקט, צו לינדערן און ארויסהעלפן תושבי השכונה, מיט'ן איינהאנדלען די צרכי החג מיט א רואיג געמיט פאר שטוינענד ביליגע פרייזן.

עס איז אהערגעשטעלט געווארן א לענגערע ליסטע פון הונדערטער גראסערי פראדוקטן וועלכע זענען פארקויפט געווארן פאר שטוינענד ביליגע פרייזן, ספעציעל פאר בלומינגראוועער איינוואוינער לכבוד יום טוב, גלייכצייטיג איז אראנזשירט געווארן דיסקאונט פרייזן אויף ציצית און טליתים, און א ספעציעלע סעלעקשאן פון מערערע אינטערסאנטע און באלערנדע הגדות, אידישע קאמיקס ביכער, און אידישע געימס צו האלטן די קינדער פארנומען מיט ערליכע ליין מאטריאל און שפילעריי, אלעס פאר די ביליגסטע הנחות און פרייזן וואס איז נישט דא צו באקומען אין ערגעץ.





מ'גרייט צו צום גרויסארטיגן מעגא פסח פראגראם אין הויף פונעם זמיגראדער ביהמ"ד

איבערהויפט איז באוואונדערט געווארן דורך אלעמען די געניטע קאארדינאציע וויאזוי דער פראגראם איז איינגעשטעלט און דורכגעפירט געווארן, ווען יעדע דעטאל האט געקלאפט ווי א שווייצער זייגער,




אנגעהויבן פון אריינגעבן די אפליקאציעס ביז ווען די פילצאליגע "ארדערס" זענען אנגעקומען צו יעדן אין שטוב, שיין סארטירט און אהערגעשטעלט

געוויס האט זיך דערקענט די ארבעט און פלאג פון די ענערגישע און געטרייע עסקני העיר, וועלכע האבן געארבעט אויףביידע פראנטן, סיי צו אגאנזשירן די טעכנישע און לאגיסטישע דעטאלן פון די חלוקה מהחל ועד כלה, און סיי די לאנגע שעות פון פיזישע שווערע ארבעט צו פאקטיש סארטירן און מסדר זיין די הונדערטער באקסעס פון אלע ערליי פראדוקטן און צרכי יו"ט, אויף א געניעם מהלך און פארזיכערן אז יעדע תושב העיר ערהאלט אלע זיינע פארלאנגען און געברויכן אויפ'ן שענסטן און מסודר'דיגסטן פארנעם.

די ארמיי פון עסקנים וואס זענען געשטאנען עטליכע שעה אויפ'ן פלאץ און געהאלפן מיט די פראגראם, האט ארויסגעברענגט אויפ'ן אויבערפלאץ, די געוואלדיגע כח האחדות, און כח העסקנות וואס אונזער שטאט פארמאגט.

עס איז געווען א געוואלדיגע נחת רוח אז מ'קען אזוינס צושטעלן, און בעיקר האט מען געזעהן אז ס'האט זיך אויסגעצאלט ווען די איינוואוינער זענען געווען מלא שבח ותהלה אויף די אינטערנעמונג, דאס האט געגעבן די ווייטערדיגע מוט און כח צו קענען ווייטער אנגיין מיט פעולות לטובת תושבי העיר.

מפרסמים עושי מצוה, זאל טאקע ערוועגט ווערן בשער בת רבים, די בארימטע געשעפטן וועלכע האבן זיך צוגעשטעלט מיט גאר ביליגע פרייזן און ווערטפולע הנחות, כדי צו ארויסהעלפן אידישע קינדער אין די יעצטיגע שווערע ערבי פסחים, צווישן זיי די בארימטע













'מפואר' דזשודעיקא געשעפט, די באקאנטע 'קינדער שפיל' און 'חזק', 'לאנדא' סופערמארקעט, מענ'ס קארנער דריי גודס, און GB קלאודינג.

גאר באזונדער ווערט אויסגעדרוקט א הארציגן דאנק פאר די וואויל - בארימטע וואוילטעטיגע ארגאניזאציע "צדקת העיר" וועלכע איז געווען בייהילפיג צו פארטיילן גאר גרויסע הנחות פאר פיש און פלייש ארדערס, געווידמעטע פאר נויט-באדערפענדע פאמיליעס תושבי עירינו, ישלם ה' פעלם ותהי משכרתם שלמה מעם ה' אלקי ישראל.

די מעגא "פסח פראגראם" וועט לאנג פארבלייבן אין זכרון פון תושבי העיר, זייענדיג א שיינענדיגע ליכט אין די פינסטערניש פון די שווערע "קראונע" עפאכע, וואס האט באשיינפערליך געצייגט אז אויך אין ברען פון אזא אומגעהויערן קריזיס, איז עס דער גרויסער כח פון ברידערליכע אחדות אינאיינעם מיט די מדת הצדקה והחסד,ביידע שטריכן וואס בלומינגראוו פארקערפערט אין זיך אזוי נאבל, וואס טוט לינדערן און העלפן מיט אזא הרוחה צו די צופרידנהייט און דאנקבארקייט פון אונז אלעמען.

**פאלגענד איז א טייל פון די חשוב'ע וואלאנטירן,**
**וואס האבן מיט הארץ און געפיל גאר שטארק**
**ארויסגעהאלפן ביים מעגא פסח פראגראם**

מו"ה **יושע אלימלך ביטמאן** הי"ו
מו"ה **יואל מויזקאפף** הי"ו
מו"ה **יואל אבערלאנדער** הי"ו
מו"ה **משה יודא גאלדבערגער** הי"ו
מו"ה **משה יהושע פאזען** הי"ו
מו"ה **שלמה אפפעל** הי"ו
מו"ה **יואל גאלדשטיין** הי"ו
מו"ה **ישעי' הירש** הי"ו
מו"ה **אבא גרינהוט** הי"ו
מו"ה **יצחק פעלדמאן** הי"ו
מו"ה **יעקב חיים כ"ץ** הי"ו
מו"ה **יואל טייטלבוים** הי"ו
מו"ה **אליעזר ווייס** הי"ו
מו"ה **משה האלפערן** הי"ו
מו"ה **יחזקאל שרגא מערץ** הי"ו
מו"ה **יעקל ליכטנשטיין** הי"ו
מו"ה **יושע ליבערמאן** הי"ו
מו"ה **אברהם פיש** הי"ו
מו"ה **יוסף ראזנפעלד** הי"ו
מו"ה **ירמי' ראזנבערג** הי"ו
מו"ה **אורי דייטש** הי"ו
מו"ה **מענדל רובין** הי"ו
מו"ה **יואל שמואל טויבער** הי"ו

הב' החתן **משה יודא** ב"ר חיים **עקשטיין** ני"ו
הב' **שמעון שמואל** ב"ר זושא **שאלאמאן** ני"ו
הב' **אברהם יוסף** ב"ר זושא **שאלאמאן** ני"ו
הב' **ישראל** ב"ר חיים **גליק** ני"ו
הב' **שלמה יואל** ב"ר אייזיק **שניצלער** ני"ו
הב' **ארי'** ב"ר יואל **אבראמאוויש** ני"ו
הב' **יעקב** ב"ר חיים משה **ביטמאן** ני"ו
הילד **מרדכי ראובן** ב"ר משה **האלפערן** ני"ו
הילד **מאיר** ב"ר משה **האלפערן** ני"ו
הילד **יעקב** ב"ר יצחק **עקשטיין** ני"ו

מיר טוען זיך אנטשולדיגן אז צוליב די גרויסע כח העסקנות איז
מעגליך ארויסגעפאלן א נאמען פון די ליסטע, ושגיאות מי יבין

**א חוב צו באדאנקן פאר די חשוב'ע עסקנים וואס האבן ארויסגעהאלפן מיט'ן אהער ברענגן די עסן פעקלעך פון די מוסדות התורה אין קרית יואל**

פותחין בכבוד האכסניא

הרב **אייזיק ראטענבערג** שליט"א
רב דביהמ"ד קאזעווע

מו"ה **יואל אבראמאוויטש** הי"ו

מו"ה **אפרים הערשקאוויטש** הי"ו

מו"ה **יואל שמואל טויבער** הי"ו

**און זייער עקרת הבית וואס האבן אוועקגעגעבן זייער שטח וואו מ'זאל אפנעמען די פעקלעך**

מוסדות דרבינו יואל ד'סאטמאר

מו"ה **יואל גאלדשטיין** הי"ו

מו"ה **יואל מויזקאף** הי"ו

מוסדות ויואל משה ד'סאטמאר

מו"ה **אהרן יואל ראלניצקי** הי"ו

מו"ה **אלימלך אראן** הי"ו

מו"ה **הערש אליעזר קאהן** הי"ו

**ובמיוחד מטעם המוסד**

מו"ה **אלימלך אייזענבערג** הי"ו

מוסדות בני יואל ד'סאטמאר

מו"ה **אברהם פריעדמאן** הי"ו

מו"ה **יואל שווארץ** הי"ו

ברכה מיוחדת פאר די וואס האט צוגעשטעלט א
**פרידזשעדער טראק בלי תשלום גמול**
פאר די עסקן פעקלערך און פאר די מעגא פסח פראגראם

מו"ה **משה יהושע פאזען** הי"ו

ההולך בדרכי אבות, מע"כ ידידינו לב טוב ומיטיב

מו"ה **שמעון ישראל פאזען** הי"ו

וכסא דנחמתא כשיושב בעמק הבכא על פטירת אביו הרה"ח
ר' אברהם יעקב ז"ל, המקום ינחמו ושנשמע ונתבשר בשורות טובות

**בכבוד האכסניא פון די מעגא פסח פראגראם**
דער באליבטער משמש

מו"ה **לייבל הערשקאוויטש** הי"ו

ואמרתם שב"ח פסח
ברכת תודה והכרת הטוב להוד
כ"ק **אדמו"ר מזאבליטוב** שליט"א
אשר בטובו וחסדו עמד לעזרת תושבי העיר לכבוד החג

---

United
Jewish
Community
Est.
of Bloom

יכך
חנו
כים
דות

אר'ן ארייננגיין אינעם
ען אונז קוקן ארויס צו
יט א שמחה, און זוכה
מיכלא דאסוותא, און
מה במהרה בימינו

ערצוגעבן דברי שבח
מ'האט בכח האחדות
י וויכטיגע פראיעקטן
שבי העיר

רוק א דאנק פאר די
וד בשמו הטוב יבורך
האלפן מיט הארץ און
ט זיך אויסגעפעלט

גרויסע זכותים וועלן
שראל געבענטשט צו
טב, און צו די ישועה
הזבחים ומן הפסחים

ט בחג כשר ושמח
ו.זשעי.סי.

**יואל שטערן**

**ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה!!**

# ברוב שבח והודי' לה' יתברך האבן מיר נעכטן זוכה געווען צו פארענדיגן דעם עירוב ד'לעיק שאר!

געשריבן דורך: א תושב לעיק שאר

א צירקע יאר איז פארלאפן פון ווען די עסקנים האבן זיך צוזאמענגעזעצט און אנגעהויבן די שווערע ארבייט פון מאכן א מהודר'דיגן עירוב פאר אונזער שכונה "לעיק שאר".

עס איז פאר קיינעם קיין סוד נישט אז כהיום איז די געגנט פון לעיק שאר בארימט אלס די שענסטע געגנט אין בלומינגראוו, נישט נאר ווייל עס איז שיין און גראד, נישט דווקא ווייל עס איז דא שיינע הייזער, נישט נאר ווייל עס זיצט אין א שיינעם טאל ארומגענומען מיט הערליכע בערג פון אלע זייטן, און אפילו נישט אלס דעם שיינעם טייכל וואס לויפט דורך אין הארץ פון אונזער געגנט.

נאר עס איז בארימט פארן ווארעמען אטמאספערע וואס שפירט זיך דא, עס איז בארימט פאר די אהבה ואחוה וואס הערשט דא, עס איז בארימט פאר די מיטגעפיל און משפחה לעבן וואס מיר אלע האבן דא איינער פארן צווייטן.

איז דאך זעלבסטפארשטענדליך אז אין אזא געגנט ברויך מען צו מאכן אן עירוב וואס סימבאליזירט דעם כלליות'דיגן רשות היחיד, עס סימבאליזירט דאס צוזאמענלעבן פון אלע תושבים, עס סימבאליזירט דאס העלפן איינער דעם צווייטן ווען עס פעלט זיך נאר אויס.

מיר האבן אלע מיטגעלעבט די שוועריגקייטן און עגמת נפש ווען איין פלאן נאכן צווייטן איז דורכגעפאלן און פון פלאן A איז געווארן פלאן B און C און לכאורה למעשה איז מען אנגעקומען צו פלאן Z...

בראש פון די שווערע ארבייט איז געשטאנען הרה"ג ר' מאיר בערקאוויטש שליט"א אב"ד קאריץ וואס האט אוועקגעגעבן וואכן און חדשים צו ברענגען דעם עירוב צו רעאליטעט אפילו עס איז באמת נישט זיין געגנט און ער וועט עס לכאורה כמעט נישט נוצן, השי"ת וועט אים אודאי באצאלן פאר די שווערע פלאג און מי וואס ער האט אריינגעלייגט און בעז"ה געקענט באגלייטן.

ברם אותו האיש זכור לטוב, כ"ק הרה"צ רבי אהרן דוד הורוויץ אדמו"ר מזאבליטוב שליט"א, וואס יעצט פסח ווערט א יאר זינט דער רבי שליט"א האט איבערגעפלאנצט זיין



הויף דא בתוכינו און אין די קורצע זמן וואס ער וואוינט דא האט מיט זיין השפעה זיך געטוישט די צורה פון די געגנט און אונזער גאנצע שטאט לטובה,

סיי ביודעים: דאס ביהמ"ד וואס איז א תל תלפיות פאר אונזער שכונה, דער עולם האט מיטגעהאלטן כסדר די טישן ביי יעדע געלעגענהייט, דאס ווארימקייט און ספינקא ברען וואס ער האט אריינגעלייגט אינעם עולם, אזוי אויך איז דער רבי געווען אינוואלווד אינעם מעגא פסח פראגראם און די הילף פאר תושבי העיר, וואס איז נארוואס צושטאנד געקומען און קומט אים אויך צו פארדאנקען פאר'ן רבי'ן פארן ארויסהעלפן ועוד ידו נטוי' להבא בעז"ה. און סיי בלא יודעים: וויפיל ער העלפט סיי פריוואט און סיי לטובת הכלל.

שוין פון די ערשטע מינוט ווען דער זאבליטוב'ער רבי שליט"א האט געקויפט דעם הויז האט דער רבי שליט"א געהאלטן אין איין פרעגן און פארלאנגען: "וואס טוט זיך מיט אן עירוב?"

ער האט האט כסדר געזאגט אז אונזער געגנט וועט נישט זיין א פולקאמע יודישע געגנט ביז מען האט אן עירוב.

מיר געדענקען אלע ווי די ערשטע אסיפה פארן עירוב מיטן גאנצן עולם איז טאקע פאררופן געווארן דורכ'ן רבי'ן שליט"א אין זאבליטובער ביהמ"ד וואו ער האט גערעדט און פארלאנגט און אויפגעהייטערט דעם עולם אז יעדער זאל נעמען א חלק אין די הוצאות ה'עירוב.

און טאקע ער איז געווען נישט נאר א נאה דורש, נאר אויך א נאה מקיים און אויפן פלאץ האט ער געגעבן די ערשטע נתינה אנצוהויבן דעם עירוב, אזוי האט דער זאבליטובער רבי געמאכט אז אויב נאכן צוזאמענגענעמען דאס געלט פונעם עולם איז נאך דא א לאך וועט ער נעמען אויף זיך דעם השלמת ה'עירוב.

די וואך, אזויווי עס איז געווארן נענטער צוענדיגן דעם עירוב האט טאקע דער זאבליטובער רבי אנגערופן דעם קאריצער רב שליט"א און געזאגט אז ער וויל זוכה זיין אין דעם "המתחיל במצווה אומרים לו גמור" און האט אויפן פלאץ געגעבן דאס געלט אז דער עירוב זאל זיין גרייט אויף די וואך שבת, אדאנק דעם האבן מיר ב"ה פארענדיגט דעם עירוב.

דאס גאנצע שטאט בכלל און אונזער געגנט בפרט איז מורא'דיג דאנקבאר פארן זאבליטוב'ער רבי'ן שליט"א פאר די חיזוק און שטיצע מיט וואס ער האט כסדר באגלייט פארן פראיעקט ביזן פרייליכן סוף.

**ושמחים לשמרו ולערוב עירובו!**

היות אן עירוב איז א גרויסע אחריות ע"פ הלכה האט דער בעל מכשיר פארלאנגט אז בעפאר מ'הייבט זיך אן באנוצן מיט דעם עירוב זאל מען פארזיכטיג ליינען דאס פאלגנדע:

**1.** מען וועט אויסטיילן אַ מאפע פונעם עירוב בעפאר שבת אי"ה און יעדער איינער "מוז" גרונטליך איבערקוקן די מאפע בעפאר מען הויבט אן טראגן און זיכער מאכן אז וואו מען טראגט איז אינעם עירוב.

**2.** מען וועט ארויסלייגן קלארע טאוולען מיט די ווערטער "עד כאן ה'עירוב" ביי די עקן פונעם עירוב און מען זאל זיכער מאכן אז בשעת מען טראגט נעבן די עק זאל מען כסדר זוכן פאר די טאוולען

פאלגנד זענען די פלעצער וואו מען טאר "נישט" טראגן מיטן עירוב:

אויף לעיק שארר:

צווישן 318 און 320, און צווישן 317 און 321, אויף טעפפען דר. טאר מען בכלל נישט טראגן,

אויף מערייוואלד נארט מעג מען "נאר טראגן אויפן ראוד בעפאר די או. ענד אר. פאולס" צווישן טעפפען רד. און ראוט 208.

אויפן 208:

צווישן לעיק שארר און דועלק מעג מען "נאר טראגן אויפן ראוד" (ביז די פאולס אויף די זייט פון די פייער גאראדזש), די עירוב לויפט דורך שיעף צווישן די באנק און לי עווענין, מען זאל נאר אריבערגיין ביי די זייט נענטער צו לעיק שאר.

נאכאמאל!! יעדער זאל גרונטליך איבערקוקן די מאפע בעפארן ארויסגיין אז עס זאל ח"ו נישט קומען צו קיין מכשול















# צייטליכע אנווייזונגען און וויכטיגע "סעיפטי" מעסעזשעס

**אין די יעצטיגע ערב יו"ט טעג**

## איבערגעגעבן פאר דער "בלומינגראוו שטימע" דורך הרה"ח מו"ה יצחק בערנאטה הי"ו ליעזאן פון די יו.זשעי.סי. צו די סאוט בלומינגראוו פייער דעפארטמענט

**פאלגענד זענען איניגע וויכטיגע אנווייזונגען, מיט גאר נויטיגע זיכערהייט און סעיפטי כללים פאר דער אידישער שטוב אין די פארנומענע ערב פסח טעג, וואס איז זייער וויכטיג צו אויספאלגן און נעמען אין קענטעניס, כדי צו פארזיכערן אז מיר אלע האבן בעז"ה א ליכטיגן געזונטן און פרייליכן יום טוב.**

## "סמאוק אלארמס" און "קארבען מענאקסייד" דידעקטאר

אין א צייט ווי ערב יום טוב, ווען מען קאכט אזויפיל פאר די סעודות החג, איז ספעציעל וויכטיג צו זיכער מאכן אז אלע "סמאוק אלארמס" און "קארבען מענאקסייד" דידעקטארס ארבעטן ווי געהעריג, און האבן גוטע בעטעריס וואס קען אסאך מאל זיין לעבנס רעטער פשוטו כמשמעו.

ווען מען קאכט אסאך, זאל מען זעהן צו האלטן אפן א פענסטער, כאטש אביסל, כדי עס זאל אריינקומען פרישע לופט.

באזונדער איז וויכטיג צו געדענקן אז צומאל ווען מען דעקט איבער דעם "גאז רענטש" מיט "זילבער פאפיר, און דאס זעלבע ווען מען באנוצט זיך מיט נייע טעפ קען דאס גורם זיין אז עס זאל ארויסקומען מער שעדליכע "קארבן מנאקסייד", דעריבער זאל מען שטארק אכטונג געבן דערביי אז עס זאל חלילה נישט קומען לידי סכנה ח"ו.

## רייניגונג קעמיקאלן

ווען מען רייניגט לכבוד פסח זאל מען האלטן פאר די אויגן די געוואלדיגע סכנה פון ח"ו מישן קעמיקאלן, ווי בליטש און אנדערע שארפע סובסטאנצן, וואס קען זיין זייער געפארפול צו אריינאטעמען, בפרט יעצט ווען עס גייט אזוי ארום דער ביטערער ווירוס וואס קען עפעקטירן די לינגען ל"ע.

ב"ה אז אין די לעצטע יארן איז ענדליך מיניזירט געווארן דאס באנוץ פון די גאר שעדליכע "איזי אף" קעמיקאל, נאכדעם וואס דער ציבור האט דערהערט די געבעטן פון אלע היימישע חברה הצלה אין אידישע געגנטער איבער וויפיל אידן מען האט יעדעס יאר געדארפט אריינפירן אין שפיטאל מיט בראנד וואונדן און אטעמען פראבלעמען ה"י.

אבער אויך ווען נוצט די אנדערע "וועל דאן" קעמיקאל זאל מען זיך באנוצן מיט דיקע הענטשעך און זיכער מאכן אז קינדער דרייען זיך נישט ארום און האבן נישט קיין צוטריט דערצו.

## כשר'ן די קיך

פארשטענדליך אז ווען מען כשר'ט די קיך און די כלים דארף מען א ספעציעלע זהירות אז קינדער זאלן בכלל נישט זיין אין דער גאנצער ארום, און אודאי זאלן זיי נישט שטיין נעבן דעם טאפ מיט קאכעדיגע וואסער, וואס האט שוין ליידער געברענגט אומאנגענעמע סיטואציעס אין דער פאראנגאנגענהייט.

## בדיקת חמץ

אידן זענען ב"ה מקיים די גרויסע מצוה מיט אלע דקדוקים און חומרות אבער טאקע דערפאר איז וויכטיג צו האלטן אַן אויג אז ווען מען גייט ארום מיט דעם אנגעצינדענעם ליכט צו בודק זיין בחורים ובסדקים, זאל מען חלילה נישט האלטן דעם ליכט צווישן קליידער, רעקלעך, א.א.וו. וואס קען זיך חלילה אנכאפן און גורם זיין ערנסטע שאדנס.

דאס זעלבע זאל מען נישט אונטערשטיפן דאס ליכט אונטער מאטראצן, וועלכע קענען זיך שנעל אנכאפן פון א קליינע פלאם, און דאן איז נישט דא קיין געהעריגע וועג וויאזוי דאס צו פארלעשן לייכט. אזוי אויך זאל מען זיין געווארנט נישט צו האלטן די ליכט נאנט צו די פירהענגלעך ביי די פענסטער, וואס קענען זיך אויך גרינג אנכאפן פון דאס פייער.

## שריפת חמץ

דער געוועגליכער סדר פון "שריפת חמץ" ווי מיר זענען געוואוינט אלע יארן, איז אז מען קומט מיט די קינדער, מען ווארפט אריין דאס גאנצע חמץ און מען בלייבט שטיין אויף א וויילע צו זאגן דעם "כל חמירא" און באטראכטן ווי דער חמץ ווערט פארברענט/

אבער דאס יאר, ערב פסח תש"פ, וועט ליידער נישט מעגליך זיין צו אנגיין מיט דעם מהלך, צוליב די אויסנאמליכע ווירוס צושטאנד, סיי צוליב דעם וואס דער געזעץ ערלויבט נישט אז מענטשן זאלן זיך צוזאמענקומען און סיי צוליב דעם וואס די היזיגע "פייער דעפארטמענט און בלומינגראוו" איז אויסטערליש איבערגעשטרענגט, ווען מערערע פייער לעשער זענען זעלבסט אנגעשטעקט מיט דעם ווירוס און אנדערע זוכן נישט צו ארויסגיין פון שטוב פאר נישט וויכטיגע סיבות.

ס'איז דעריבער איינגעשטעלט געווארן

א גענׁיטן סדר דורך די געטרייע "יו. דזשעי. סי." פארשטייער, אז דער גאנצער שריפת חמץ וועט זיין אויף א סיסטעם פון "דרייו טרו", אויף איין באשטימטע לאקאציע, וואו מען וועט קענען דורכפארן, אריינווארפן דאס חמץ און תיכף ווייטער פארן.

מיר זענען געזיצן מיט די חשוב'ע רבנים ומורי הוראה שליט"א פון דער שטאט, וואס האבן אלע געהייסן איבערגעבן אז אין דעם יעצטיגן מצב זאל מען אריינווארפן אין פייער בלויז דאס מינימום פון די 10 ברעקלעך און העכסטנס אויך די לולב ווי דער מנהג, אבער אלע אנדערע חמץ, ווי באקסעס קארן פלעקס, קיכלעך, א.א.וו. וואס מען לייגט געווענליך אוועק אויף די לעצטע מינוט, זאל מען דאס יאר ביטע נישט מיטברענגען צו שריפת חמץ, נאר עסווארפן אין דער מיסט אין די טעג בעפאר ערב פסח.

געוויס זאל מען בשום אופן נישט ברענגען קיין איבעריגע זאכן ווי גרויסע באקסעס און אנדערע ברען מאטריאל, וואס קען נאר שטערן דעם ארדענונג און


United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove

# United Jewish Community *of* Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

Isaac Eckstein
*Board Chairman*

Joel Stern
*Board Representative*

Robert S. Rosborough IV
*Board Counsel*

Joseph Weinberger
*Finance / Fundraising*

Abraham Weiss
Chaim Gluck
David Krausz
Hershel Lowy
Mordche Holtzer
Moshe Halpern
Shia Bitman
*Board members*

בס"ד

שטייענדיג בעפאר דעם יו"ט פסח, אין ליכט פונעם מצב האט די יו.זשעי.סי. ערלעדיגט מיט די אינסטאנצן אהערצושטעלן א

# דרייוו-טרו שריפת חמץ

## אין צענטער פון שטאט

**אנגעהויבן פון 9:30 אינדערפרי ביז סוף זמן שריפת חמץ**

**הארט נעבן די געוועזענע באנק אויפ'ן רט. 208**

**עס וועט זיין צוגעשטעלט א גרויסע קאנטעינאר, מ'וועט זיך קענען אפשטעלן אריינלייגן די חמץ, און גלייך גיין ווייטער**




עס וועלן זיין אנוועזנד די לאקאלע פאליציי און פייער דעפארטמענט, און דער ליעזאן ר' יצחק בערנאטה הי"ו

מ'בעט דעם ציבור אויסצופאלגן די אנווייזונגען פון די סדרנים אויפ'ן פלאץ, עס זאל ארויסקומען א קידוש ה' בעזהשי"ת

בברכת חג כשר ושמח
United Jewish Community *of* Blooming Grove

**נעמט אין אכט למען הסדר וועט מען נישט קענען בלייבן שטיין מער ווי די "עטליכע סעקונדעס" ווילאנג עס נעמט אריינצולייגן די חמץ אינעם דאמפסטער, און מ'וועט גלייך דארפן גיין ווייטער**

**מ'זאל ברענגען צום פארברענען בלויז די מינימום וואס שייך**

**מ'וועט נישט אויסלעשן די פייער ביז אלע חמץ ווערן פארברענט אויף אש**

**כל חמירא זאל מען זאגן נאכדעם, עס מוז נישט געזאגט ווערן נעבן די פייער**



איז נישט אין קיינעמ'ס אינטערעסע.

## פריוואטע שריפות חמץ

ס'איז זייער וויכטיג צו וויסן אז לויט דעם געזעץ דא אין דער ווילעדזש איז נישט ערלויבט אין דעם יעצטיגן מאנאט אפריל למספרם, צו אנצינדן א פייער, אפילו אויף די אייגענע פראפערטי, אפילו אויב דער פייער איז ארומגענומען מיט ציגל און ס'איז גוט באשיצט. אויב די פאליציי קומט אן און זי טרעפן אז מען האט אנגעצינדן א פייער קענען זיי געבן אן ערנסטן "פיין", וואס קיינער זוכט זיך נישט אין די אנגעשטרענגטע טעג.

איבערהויפט קען עס זיין א געוואלדיגע סכנה אויב מען צינדט אָן א פייער אויף א האלצערנע 'פארטש', וואס האט שוין געקאסט בעבר אסאך שאדנס און עגמת נפש פאר אידישע הייזער.

די איינציגסטע ערלויבטע וועג וויאזוי צו מאכן א פריוואטע פייער איז בלויז ווען דאס ווערט געמאכט אין א גרויסע אייזערנע "קען" אדער אין א "גריל", אבער אויך דעמאלט דארף מען שטיין דערביי די גאנצע צייט צו פארזיכערן אז דער פייער זאל פארבלייבן אין קאנטראל און האלטן דערנעבן א גרויסן "פעיל" מיט וואסער וואס זאל זיין גרייט צו פארלעשן דאס פייער.

געוויס בעט מען בכל לשון של בקשה אז יונגע קינדער און בחורים זאלן נישט אנצינדן אדער אראנזשירן קיין שום פייערן, קלענערע אדער גרעסערע, וואס קען חלילה זיין א סכנה, אין א צייט וואס די "חברה הצלה" און די פייער דעפארטמענטס זענען ליידער גענוג איבערגעשטרענגט. מען זאל דאס נישט נעמען פאר לייכטזיניג ווייל דאס איז לגמרי נישט קיין שפיל מיט פייער.

## "האט פלעיט" אויף דריי טאג יום טוב

אזוי ווי דאס יאר וועט בעז"ה זיין דריי טאג יום טוב, און ווי דער שטייגער באנוצט מען זיך אין אידישע הייזער מיט "האט פלעיטס" צו האלטן ווארעם די סעודות יום טוב, איז וויכטיג צו נעמען אין קענטעניס אז די "האט פלעיטס" זענען נישט געאייגנט און זענען נישט אויסגעשטעלט צו זיין אנגעצינדן אויף דריי טאג יום טוב נאכאנאנד, און דערפאר מוז מען האבן א "שבת זייגער" און אויסשטעלן אז דער "האט פלעיט" זאל זיך אויסלעשן דורכאויס אלע צייטן ווען מען דארף דאס נישט האבן אין באנוץ.

דער "האט פלעיט" זאל מען לייגן אויף א פארזיכערטע פלאץ. נישט אויף קיין האלצערנע קאונטער א.ד.ג. און לייגן אונטער דעם זילבער פאפיר אז עס זאל זיך חלילה נישט אנכאפן די היץ.

אויך דער פייער פונעם "געז רענטש" דארף נישט ברענען אלע דריי טעג כדי צו האבן פייער פאר'ן טשאלנט אויף שב"ק. די פראקטישסטע אויסוועג איז צו אנצינדן דעם דריי טאגיגן ליכט, וואס איז דא צו באקומען אין אלע געשעפטן, אזוי ארום אז דעם צווייטן טאג יום טוב נאכמיטאג, קען מען רואיג אנצינדן דעם "געז רענטש" צו שטעלן די טשאלנט קאכן, אזוי ווי יעדע וואך ערב שבת קודש.

## שמאלץ/ אויל

אין די יעצטיגע טעג ווען עס קומט אויס צו קאכן אסאך מיט שמאלץ אדער אויל, איז וויכטיג צו וויסן אז די סארט פעטס קענען זייער שנעל אויפפלאמען, און דעריבער זאל מען נישט אוועקטרעטן פונעם אויוון בשעת די גאנצע צייט וואס מען קאכט אדער מען פרעגלט, מען זאל האלטן א וואכזאם אויג אז עס זאל נישט קומען לידי סכנה.

אויב מען באמערקט אז דאס פייער האט זיך אנגעכאפט אויף די פעטס און עס ברענט, איז די ווירזאמסטע עצה, צו נעמען דעם דעקל פון די טאפ און דאס שנעל צודעקן, אזוי ארום וועט דאס פייער אראפגיין. מען זאל אויף קיין פאל נישט שפריצן וואסער, ווייל דאס קען חלילה נאך פארגרעסערן און שפריצן דעם פלאם אויף ארויף, ה"י.

## חול המועד

צוליב די יעצטיגע לאגע זענען אלע אפיציעלע פארוויילונגס ערטער אפגעשלאסן געווארן פון צוטריט, און מען בעט טאקע אז עלטערן זאלן האבן דעם אחריות נישט צו ארויסגיין פארברענגען מיט די קינדער אינדרויסן פון שטוב.

אויסער די סכנה וואס מען קען גורם זיין ח"ו דורך ארומגיין מיט די קינדער אין פארקס אדער אנדערע אויספלוג ערטער, זאל מען געדענקן דעם גרויסן חילול ה' וואס קען ארויסקומען אויב עס וועלן חלילה ארומפארן בילדער דורך גוים וויאזוי אידישע קינדער שפילן אין עפענטליכע פלעצער, מיט'ן ציל צו אפסטעמפלען די גאנצע אידישע געמיינדע אין אראנזש קאונטי אלס אומ'אחריות'דיגע מענטשן וואס זארגן זיך נישט פאר אנדערע.

טייערע עלטערן, יעדער פארשטייט ווי שווער עס איז צו האלטן באשעפטיגט די קינדער אינדערהיים, איבערהויפט אין די חול המועד טעג, ווען מען איז יערליך געוואוינט צו ארויסגיין און פארברענגען געשמאקן, אבער לאמיר געדענקן אז דאס איז יעצט וואס מען פארלאנגט פון הימל, אויב מיר האבן געקענט אויסהאלטן די שווערע 2-3 וואכן בעפאר פסח מיט אלע קינדער אינדערהיים, לאמיר אויך אויסהאלטן די 2 חול המועד טעג, און נישט זוכן צו ארויסגיין צו קיין אומנויטיגע ערטער נאר מאכן א פרייליכן חול המועד פאר אונזערע קינדער אינדערהיים.

אין זכות פון אונזער זהירות זאל השי"ת זיך שוין מרחם זיין אויף אונז, און מיר זאלן נאך זוכה זיין דאס יאר לאכול שם מן הזבחים ומן הפסחים בב"א.


זמיגראד שמש שטיבל

די שעות אין די וואך פון פסח

דינסטאג - בדיקת חמץ
פון 5:00 ביז 7:00 נאכמיטאג

מיטוואך - ערב פסח
פון 2:00 ביז 6:30 נאכמיטאג

פאר אנדערע זמנים אדער פאר באשטעלונגען
פאון ארדערס רופט: 845-248-6411

א כשר פרייליכן און געזונטן פסח פאר אלע תושבי העיר און גאנץ כלל ישראל

מיט דאנק
לייב הערשקאוויטש

# ברכת מזל טוב
## לתושבי עירנו שהשמחה במעונם

מוה"ר **יצחק גרשון מענדל ראזענבערג** הי"ו
**לרגל הולדת נכדתו למז"ט**
בת לבנו מוה"ר **פישל** הי"ו

מוה"ר **יצחק אלחנן יודא פעלדמאן** הי"ו
**לרגל תגלחת בנו למז"ט**

מוה"ר **שלמה קארנבלי** הי"ו
**לרגל הולדת בנו למז"ט**

מוה"ר **אברהם פנחס משה גאלדבערגער** הי"ו
**לרגל תגלחת בנו למז"ט**

מוה"ר **מרדכי פעלבערבוים** הי"ו
**לרגל הולדת בתו למז"ט**

מוה"ר **יצחק אביש** הי"ו
**לרגל הולדת בנו למז"ט**

מוה"ר **יצחק יעקב שמעון ליכטענשטיין** הי"ו
**לרגל הולדת בתו למז"ט**

יזכו לראות רב נחת דקדושה מתוך הרחבת הדעת

# ברוכים הבאים

מקבלים בזה מע"כ
אנ"ש לרגל בואם
להשתקע בעירנו

מוה"ר **מאיר מרדכי גראס** הי"ו
בן מוה"ר **הערשל** • חתן מוה"ר **שלמה בנציון טעסלער**

מוה"ר **אלעזר מרדכי וויינשטאק** הי"ו
בן מוה"ר **חיים נתן** • חתן מוה"ר **דוד שלמה עקשטיין**

מוה"ר **שלום יצחק שעהר** הי"ו
בן מוה"ר **פנחס** • חתן מוה"ר **יוסף יצחק גראד**

מוה"ר **יצחק אביש** הי"ו
בן מוה"ר **פנחס** • חתן מוה"ר **משה כבודי**

מוה"ר **יואל הירש** הי"ו
בן מוה"ר **אברהם אהרן** • חתן מוה"ר **דוד לעווי**

מוה"ר **יואל עפשטיין** הי"ו
בן מוה"ר **ליפא** • חתן מוה"ר **קלמן וואלף פארקאש**

מוה"ר **פנחס משה וויזער** הי"ו
בן מוה"ר **שמעון** • חתן מוה"ר **אברהם וואלף גליק**

מוה"ר **יצחק הארוויץ** הי"ו
בן מוה"ר **יודא** • חתן מוה"ר **שלמה זלמן טענענבוים**

היות די ליסטע איז געמאכט אין איילעניש דעריבער איז ארויסגעפאלן נעמען
פון נייע תושבי העיר וואס מ'וועט אי"ה אריינלייגן אין די קומענדיגע אויסגאבעס

יהא בואכם לברכה, ואתכם הסליחה

בס"ד

## לוח הזמנים לעיר קרית יואל צו - פסח - שמיני - תז"מ תש"פ

| Day Month | צאת הכוכבים ר"ת | שקיעת החמה | הדלקת הנרות | פלג המנחה מג"א (4) | מנחה קטנה מג"א (3) | סוף זמן מוסף מג"א (2) | מנחה גדולה מג"א (1) | חצות היום | סוף זמן תפלה גר"א | סוף זמן תפלה מג"א | סוף זמן ק"ש מג"א | הנץ החמה | עלות השחר | פרשיות ימים טובים | ספירת העומר | יום לחודש | יום | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| Apr. 2 | 8:36 | 7:24 | | 7:01 | 5:26 | | 1:39 | 1:00 | 10:52 | 10:28 | 9:12 | 6:37 | 5:25 | | | ח ניסן | חמישי | צו |
| Apr. 3 | 8:37 | 7:25 | 7:10 | 7:02 | 5:27 | | 1:39 | 1:00 | 10:51 | 10:27 | 9:11 | 6:36 | 5:24 | | | ט ניסן | ששי | |
| Apr. 4 | 8:38 | 7:26 | | 7:03 | 5:27 | 2:16 | 1:38 | 12:59 | 10:51 | 10:27 | 9:10 | 6:34 | 5:22 | שבת הגדול | | י ניסן | שבת | |
| Apr. 5 | 8:39 | 7:27 | | 7:04 | 5:28 | | 1:38 | 12:59 | 10:50 | 10:26 | 9:09 | 6:32 | 5:20 | | | יא ניסן | ראשון | פסח |
| Apr. 6 | 8:40 | 7:28 | | 7:04 | 5:28 | | 1:38 | 12:59 | 10:49 | 10:25 | 9:08 | 6:31 | 5:19 | | | יב ניסן | שני | |
| Apr. 7 | 8:41 | 7:29 | | 7:05 | 5:29 | | 1:38 | 12:59 | 10:49 | 10:25 | 9:08 | 6:29 | 5:17 | תקופה 1:00 PM | | יג ניסן | שלישי | |
| Apr. 8 | 8:42 | 7:30 | 7:15 | 7:06 | 5:29 | | 1:38 | 12:58 | 10:48 | 10:24 | 9:07 | 6:27 | 5:15 | ערב פסח | | יד ניסן | רביעי | |
| Apr. 9 | 8:44 | 7:31 | | 7:07 | 5:30 | 2:16 | 1:38 | 12:58 | 10:47 | 10:23 | 9:06 | 6:26 | 5:14 | א דפסח | | טו ניסן | חמישי | |
| Apr. 10 | 8:45 | 7:32 | 7:17 | 7:08 | 5:30 | 2:16 | 1:38 | 12:58 | 10:46 | 10:22 | 9:05 | 6:24 | 5:12 | ב דפסח | א | טז ניסן | ששי | |
| Apr. 11 | 8:46 | 7:33 | | 7:08 | 5:31 | 2:16 | 1:37 | 12:58 | 10:46 | 10:22 | 9:04 | 6:23 | 5:11 | שבת חוה"מ פסח | ב | יז ניסן | שבת | |
| Apr. 12 | 8:47 | 7:34 | | 7:09 | 5:32 | 2:16 | 1:37 | 12:57 | 10:45 | 10:21 | 9:03 | 6:21 | 5:09 | ב דחוה"מ | ג | יח ניסן | ראשון | שמיני |
| Apr. 13 | 8:48 | 7:35 | | 7:10 | 5:32 | 2:16 | 1:37 | 12:57 | 10:44 | 10:20 | 9:02 | 6:19 | 5:07 | ג דחוה"מ | ד | יט ניסן | שני | |
| Apr. 14 | 8:49 | 7:36 | 7:21 | 7:11 | 5:33 | 2:16 | 1:37 | 12:57 | 10:44 | 10:20 | 9:01 | 6:18 | 5:06 | ד דחוה"מ | ה | כ ניסן | שלישי | |
| Apr. 15 | 8:50 | 7:38 | | 7:12 | 5:33 | 2:16 | 1:37 | 12:57 | 10:43 | 10:19 | 9:00 | 6:16 | 5:04 | שביעי של פסח | ו | כא ניסן | רביעי | |
| Apr. 16 | 8:51 | 7:39 | | 7:12 | 5:34 | 2:16 | 1:37 | 12:56 | 10:42 | 10:18 | 8:59 | 6:15 | 5:03 | אחרון של פסח | ז | כב ניסן | חמישי | |
| Apr. 17 | 8:52 | 7:40 | 7:25 | 7:13 | 5:34 | | 1:37 | 12:56 | 10:42 | 10:18 | 8:58 | 6:13 | 5:01 | אסרו חג | ח | כג ניסן | ששי | |
| Apr. 18 | 8:53 | 7:41 | | 7:14 | 5:35 | 2:16 | 1:36 | 12:56 | 10:41 | 10:17 | 8:57 | 6:12 | 5:00 | מבה"ח, פרק א | ט | כד ניסן | שבת | |
| Apr. 19 | 8:54 | 7:42 | | 7:15 | 5:35 | | 1:36 | 12:56 | 10:40 | 10:16 | 8:57 | 6:10 | 4:58 | | י | כה ניסן | ראשון | תזריע - מצורע |
| Apr. 20 | 8:55 | 7:43 | | 7:16 | 5:36 | | 1:36 | 12:55 | 10:40 | 10:16 | 8:56 | 6:09 | 4:57 | | יא | כו ניסן | שני | |
| Apr. 21 | 8:57 | 7:44 | | 7:16 | 5:36 | | 1:36 | 12:55 | 10:39 | 10:15 | 8:55 | 6:07 | 4:55 | | יב | כז ניסן | שלישי | |
| Apr. 22 | 8:58 | 7:45 | | 7:17 | 5:37 | | 1:36 | 12:55 | 10:38 | 10:14 | 8:54 | 6:06 | 4:54 | | יג | כח ניסן | רביעי | |
| Apr. 23 | 8:59 | 7:46 | | 7:18 | 5:37 | | 1:36 | 12:55 | 10:38 | 10:14 | 8:53 | 6:04 | 4:52 | | יד | כט ניסן | חמישי | |
| Apr. 24 | 9:00 | 7:47 | 7:32 | 7:19 | 5:38 | 2:16 | 1:36 | 12:55 | 10:37 | 10:13 | 8:52 | 6:03 | 4:51 | ראש חודש | טו | ל ניסן | ששי | |
| Apr. 25 | 9:01 | 7:48 | | 7:20 | 5:39 | 2:16 | 1:36 | 12:55 | 10:37 | 10:13 | 8:52 | 6:01 | 4:49 | ראש חודש, פרק ב | טז | א אייר | שבת | |

**(*) סוף זמן קרי"ש לשיטת הגר"א מאוחר 36 מינוט**

**1) מנחה גדולה לשיטת הגר"א מוקדם 6 מינוט – 2) סוז"מ מוסף לשיטת הגר"א מוקדם 12 מינוט - 3) מנחה קטנה לשיטת הגר"א מוקדם 42 מינוט - 4) פלג המנחה לשיטת הגר"א מוקדם 57 מינוט**

**לע"נ הרה"ח ר' יצחק מאיר ב"ר משה ע"ה (שפירא)**

צו באקומען די לוח שיקט אן אימעיל צו KJLIACH@GMAIL.COM

אֵת כָּל הַתְּלָאָה אֲשֶׁר מְצָאָתְנוּ...

# השתלשלות השתדלנות

## העסליכע רעטאריק פון קלאסישע "שנאת ישראל" אין שאטן פון דעם שעדליכן עפידעמיע

ווי ערוואנט צווישן די שפאלטענעס פון דעם "שטימע" ווערט - אין ליכט פון דעם ווירוס קריזיס - אפגעהאלטן יעדן טאג א זיכערהייט "טעלע-קאנפרענץ" צווישן נאנט צו 150 רעגירונג און הילפס באאמטע פון דעם גאנצן "אראנזש קאונטי" ראיאן, וואו עס ווערט דיסקוסירט פראקטישע, מעדיצינישע און טעכנישע דעטאלן פון דער אנגייענדער סיטואציע.

פאראן אבער איינער פון די באטייליגטע אויף דעם "טעלע - קאנפערענץ", וואס אנשטאט אדרעסירן און פאקוסירן די אקטועלע זאכליכע טעמעס וואס דארף געטון ווערן, האט ער אין ציל פאר די אויגן, א מיסיע וואס ער פירט אויס מיט א בייזוויליגע קביעות: צו באשמיצן, צו מבאיש ריח זיין, און צו ערוועקן א האס און שנאה, קעגן זיינע אידישע איינוואוינער, כאילו זיי זענען עס די וואס "פארשפרייטן" חלילה דעם ווירוס ה"י.

יא, איר האט צוגעטראפן, ס'איז די רעדע פון דעם אמטירנדן מעיאר און סאוט בלומינגראוו, וועלכער פרובירט אויף יעדן וועג, אויף יעדן סארט מיטל, צו ארויפברענגען איינמאל און נאכאמאל ביי די טעגליכע שמועסן זיין איינציגע דאגה אין די טעג: "די דזשאויש קאמיוניטי". שבתם וקימם אני מנגינתם.

דאס איז אין דער צייט וואס דאס בלומינגראווער אידנטום האט זיך אזוי שיין און אחריות'דיג צוגעשטעלט צו אלע פאראדענונגען פון די געזונטהייט אגענטורן און פון די רעגירונג, די בתי מדרשים און מקוואות זענען פארשלאסן געווארן און מען האלט שטרענג אין אלע זיכערהייט פארשריפטן און "גיידליינס" וואס ווערט פארלאנגט צו שיצן פון די אנטערגאנג, מיט א וואונדערבארע אחריות און כובד ראש.

דאס איז אין אין דער צייט וואס די געטרייע בלומינגראוווער עסקנים האבן ב"ה פאראורזאכט עטליכע מאל אין די לעצטע וואכן אן אומגעהויערן קידוש ה', סיי מיט די נאבעלע "פוד - באנק" פאר די שכינים, און סיי מיט די אנדערע פרטים ווי זיכערהייט מאסנאמען און עקוויפמענטס, שריפת חמץ, א.א.וו. וועו מען האט זיך צוגעשטעלט און אקעגעקומען די אינסטאנצן מיט אלע זייערע פארלאנגען, זיי צו ציינגן אז די אידישע געמיינדע זוכט צו העלפן און זיך צושטעלן מיט אלעם וואס נאר שייך.

אבער דאס אלעס איז פארשטענדליך נישט קיין סחורה וועו עס קומט צו באשמיצן אידן, איז מען געפאלן אויף די המצאה צו פארבריצירן אויסגעצויגענע שקרים און פארלומדונגען און מען ווארפט ארויף א נאכן ליילער כאילו אידן אין בלומינגראוו זענען "קעירלעס", און זענען גאר די גורם צו אנשטעקן אלעמען חלילה מיט דעם שעדליכן ווירוס, וואס דאס ווערט איבערגע'חזר'ט איינמאל און נאכאמאל קעגן זיינע אייגענע איינוואוינער, וועמען ער דארף וועו זיין דער ערשטער צו פארטיידיגן אין נארמאלע אומשטענדן.

עס לאזט זיך נישט זאגן וויפיל העצע און שנאת ישראל עס ווערט חלילה פארשפרייט דורך אזעלכע רעטאריק וואס ווערט געליפטערט השכם והערב דורכ'ן מעיאר פאר די אויערן פון רעגירונג אינסטאנצן און הילפס אגענטורן פון איבער גאנץ אראנדזש קאונטי, וואס האבן ביז היינט ניטאמאל געוואוסט אז עס וואוינען אידן אין דעם קליינעם ווילעדזש ווו סאוט בלומינגראוו, און ווערן צינד אויפגעהעצט מיט בייזוויליגע בלבולים און הסתה אז מיר בלומינגראוווער אידן זענען גאר די פארשפרייטער פונעם ווירוס אשר תוצאתיו מי ישורנה.

די געטרייע שתדלני הציבור זענען במשך די גאנצע צייט אויפ'ן פראנט צו אפשלאגן בהשכל ובדעת דעם פאלשן שווארצן 'אימעדזש' פון אונזער גאנצע געמיינדע און אפשטעלן דאס גיסן בענזין צום פייער פון שנאת ישראל.

מען פרובירט צו מיניזירן דעם שאדן פון אזעלכע רשעות'דיגע רעטאריק, דורך ערקלערן איינמאל און נאכאמאל די לעכערליכקייט פון די בייזוויליגע ווערטער, און דורך אקעגן קומען די לאקאלע באאמטע מיט אלע זייערע געברויכן, זיי צו אנצייגן דעם אמת, אז פארקערט, מיר אידישע קינדער, זענען די ערשטע צו שיצן אויף אנדערע אין צייט פון געפאר, ווייל מיר ווייסן דאס חשיבות פון יעדן נפש מישראל כאילו קיים עולם מלא.

## דער מעיאר פון בלומינגראוו בראש החותמים אין פארלאנג צו אפשפארן "קרית יואל"

אידן אין אפסטעיט בפרט און איבער גאנץ ניו יארק בכלל, האבן דעם פארלאפענעם פרייטאג ערש"ק נאכגעפאלגט מיט זארג די באריכטן אז א גרופע פון עטליכע מעיארן פון ווילעדזשס ארום קרית יואל האבן אריינגעגעבן אן אפיציעלע ביטע און פארלאנג צום גאווערנער פון ניו יארק, אז ער די שטאט קרית יואל זאל ווערן דעזיגנירט אלס א באלדיגע "קאנטעינמענט זאנע", צוליב אירע כלומר'שטע מיסברויכן אין באהאנדלען דעם ווירוס ריכטיג.

אין דעם ריין אנטיסעמיטישן בריוו, פאדערן די מעיאר'ס אז קרית יואל זאל הערמעטיש פארשלאסן ווערן, מיט העצערייען וואס דערמאנען טונקעלע תקופות ביי כלל ישראל. טראץ דעם וואס קרית יואל און אירע טויזנטער אידישע איינוואוינער פאלגן פאקטיש אויס די רעגולאציעס אויפ'ן בעסטן פארנעם, אלע מוסדות התורה זענען ליידער פארשלאסן געווארן און די בתי מדרשים זענען פארמאכט געווארן, אבער די שונאי ישראל האבן נאר געוואלט זעהן וויאזוי קרית יואל איז אפגעשפארט, אין יוצא ואין בא, וואס מ'קען זיך אפילו נישט משער זיין וואס דאס באדייט פאר אזויפיל טויזנטער אידישע משפחות אין אזא אנגעצויגענע ערב פסח סעזאן, ה' ירחם.

און ווער האט זיך ווידעראמאל ארויסגעשטעלט ווי א ריכטיגער מתערב על ריב לא לו, והדיוט קופץ בראש החותמים ? געוויס, דער אמטירנדער מעיאר פון ווילעדזש ווו סאוט בלומינגראוו, וואס לעבט און אטעמט פון די אין און איינציגע סאבדזשעקט: וויאזוי מען קען אונטערגראבן די דזשואיש קאמיוניטי, און אצינד איז ער אויך געווען דער סאמע ערשטער צו אונטערשרייבן דעם העסליכן בריוו צו ווי טון פאר אידישע קינדער.

ברוב חסדי השי"ת איז דער מזימה רעה דורכגעפאלן נאכדעם וואס דער גאווערנער יר"ה האט זייער גוט פארשטאנען וואס עס ליגט דא אונטער די שורות, און אז נישט די "זארג" פאר דעם ווירוס האט באוואויגן דאס שרייבן אזא בריוו, נאר גאר אנדערע "זארגן" וואס דרוקט אויף די חותמים וועלכע נוצן דעם ווירוס פאר א שטעקן צו שלאגן דעם איד. דער גאווערנער האט דאס ב"ה אפגעזאגט און ארויסגעשליידערט צו די דערלייכטערונג פון תושבי קרית יואל והגלילות. כה יתן ה' וכה יוסיף.

**אלא שבכל דור ודור עומדים עלינו לכלותינו והקב"ה מצילנו מידם!**

United Jewish Community
Est. 2019
of Blooming Grove

# United Jewish Community of Blooming Grove

Mailing address: PO Box 808 Monroe, NY 10949 • Hotline: 845-237-4828 • Email: Info@UJCofBloomingGrove.org

בס"ד

דינסטאג צו, תש"פ לפ"ק

**Isaac Eckstein**
*Board Chairman*

**Joel Stern**
*Board Representative*

**Robert S. Rosborough IV**
*Board Counsel*

**Joseph Weinberger**
*Finance / Fundraising*

**Abraham Weiss**
**Chaim Gluck**
**David Krausz**
**Hershel Lowy**
**Mordche Holtzer**
**Moshe Halpern**
**Shia Bitman**
*Board members*

# מעלדונג!

מיר טוען מעלדן פאר'ן חשוב'ן ציבור תושבי העיר, אז אין ליכט פונעם קריזיס, ווען די קינדער זענען אינדערהיים, איז כדי צו פארלייכטערן האט די יו.זשעי.סי. ערלעדיגט מיט די לאקאלע סקול דיסטריקט

## צו פארלענגערן די צייט

## צו אפלייען פאר באס סערוויס אויפ'ן קומענדיגן לערן יאר

מ'וועט קענען אריינשיקן די אפליקאציע ביז קומענדיגן

**אפריל 15 למספרם - שביעי של פסח**

אזוי אויך וועלן נייע אפליקאנטן נישט דארפן אראפגיין פערזענליך צו אפלייען, און עס קענען מסדר זיין טעלעפאניש.

**מ'דארף אריינשיקן א אפליקאציע פאר יעדע קינד באזונדער, וואס וועט זיין כאָטש "5 יאָר" ביז קומענדיגן דעצעמבער דעם ערשטן למספרם.**

**מ'דארף אריינשיקן די אפליקאציע**
**אויף פעקס: 845.497.4032**
**אדער אויף די פאסט צו די סקול דיסטריקט**
געפינט עס אינטן פון יעדע אפליקאציע

צו באקומען די אפליקאציע'ס שיקט א אימעיל צו:

**info@ujcofbloominggrove.org**

בכבוד רב

**United Jewish Community of Blooming Grove**

**מען בעט יעדן צו האבן די אחריות צו אפלייען באצייטנס פאר אייער טובה און לטובת הכלל**



**WASHINGTONVILLE CENTRAL SCHOOL DISTRICT**

**APPLICATION FOR TRANSPORTATION**
Based Upon Section 3635 of the Education Law for Transportation
Requests for Transportation Must Be Made **BY APRIL 1st, 2020**

**I HEREBY REQUEST TRANSPORTATION FOR THE 2020/2021 SCHOOL YEAR FOR MY CHILD NAMED BELOW:**

Name of Pupil ______________________ DOB ____________ Sex ________

Ethnicity _____ White (not Hispanic) _____ Black (not Hispanic) _____ Hispanic _____ Asian (Pacific Islander) _____ American Indian (Alaskan Native)

Street Address ____________________________________________
(or actual location of residence / closest intersection)

Names of Parents/Guardians ____________________________________________

Mailing Address ____________________________________________

Home # ______________ Work # ______________ Cell # ______________

E-Mail ______________________________

Emergency Contact: Name ______________________ Phone ______________

School Attended 2019-2020 ____________________________________________

**PROOF OF RESIDENCY REQUIRED – TAX BILL/UTILITY BILL OR LEASE AGREEMENT.**

---

**NAME OF SCHOOL (PRIVATE/PAROCHIAL) TO WHICH TRANSPORTATION IS REQUESTED FOR 2020-2021:**

SCHOOL ______________________________ GRADE ____________

ADDRESS ____________________________________________

**NOTE: FOR CHILDREN ENTERING KINDERGARTEN, A COPY OF A BIRTH CERTIFICATE MUST ACCOMPANY THIS FORM. CHILD MUST BE FIVE YEARS OF AGE BY DECEMBER 1ST.**

______________________ ______________________________
DATE SIGNATURE OF PARENT/GUARDIAN

As an acknowledgement that transportation privileges have been granted, you will be sent a letter for each child. This letter will be mailed in August.

**Please return completed form as soon as possible to:**
**Supervisor of Transportation**
Washingtonville Central School District
50 West Main Street
Washingtonville, New York 10992

**NOTE: PLEASE USE A SEPARATE FORM FOR EACH CHILD**
***Forms will not be accepted without proof of residency***
**White – Transportation Yellow – Registration Pink – Parent Copy**